STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02221

YESHU HA-NOTSRI, ODER, YOSEF PANDRE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02221-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657022211T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ישו הנוצרי

אדער

יוסף פאנדרי.

איין אינטערעסאַנטע היסטאָרישע ערצעהלונג דיא געבורט פון
קריסטענטהום, דיא וואונדער אונד קונסשטיק וואס
דער פאַלשער משיח האט בעוויזען.

איבערזעצט פון מעשה רתלוי לה"ק.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פאָבלישינג קאָמפאַני,

83-85-87 קאנאל סט., ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, New York.

ישו הנוצרי.

דאס איז געוועזען אין יאהר דריי טויזענד זיעבען הונדערט און זעכציג, נאָך דיא אידישע צייטרעכנונג, מיט 1897 יאָהר צוריק, אין דיא צייט פון צווייטען בית המקדש, ווען עס האט רעגיערט דיא קעניגין הילנא, דיא פרוי פון קעניג יאנאי, וועלכע ווערט דערמאָהנט אין תלמוד און וועלכע האט געשטאמט פון דוד המלך׳ס פאמיליע, פון שבט יהודה.

דיעזע קעניגין האט געהאט א קרובה וואס האט געהייסען מרים, וועלכע האָט אויך געשטאַמט פון דוד המלך׳ס משפחה. מרים איז געווען א יונגעס מעדכען און איז געווען זעהר שעהן, קלוג, עהרליך, פרום און זעהר געראָטהען אללע איהרע בעקאנטע האבען איהר זעהר ליעב געהאט און אויך קעניגין הילנא האט איהר זעהר געליעבט און פלעגט איהר שטענדיג האלטען בייא זיך אין פאלאטץ.

מרים איז געווען א יתומה, אָבער דאָך איז זיא געווען זעהר רייך און האט געהאט פיעל גיטער און פאלאצען אין בית לחם, נור אזוי וויא זיא איז ערצויגען געוואָרען אין רייכטהום אין פערגניגען, האָט זיא בעסער געוואָלט זיין אין ירושלים, וועלכע איז געווען דיא גרעסטע שטאָדט אין ארץ ישראל.

פאר איהרע גוטע מעלות האָט דיא קעניגין איהר זעהר געליעבט און האָט פאר איהר געלאָזט בויען א פאלאץ ניט ווייט פון איהר איינענעם האָף, וואו מרים פלעגט פערברייננגען איהר צייט.

אַנטקעגען מרים׳ס פאלאץ איז געשטאנען א זעהר שעהנעס הויז, וואו עס האָט געוואָהנט א רייכע אלמנה. איהר מאן איז א מאָל געווען א פראָסטער סטאָלער און האָט געהייסען פאנדרי. ער איז געווען א גרוסער עם הארץ און האָט אידישקייט זעהר וועניג געהאָט. איידער ער איז געשטאָרבען האָט ער איבערגעלאָזען זיין פרויא.

א זוהן, וועלכער האָט געהייסען יוסף פאנדרי און וועלכער איז נאָך זיין פאָטערס טויט אויסגעוואקסען א גרויסער חצוף, אָהן תורה און אָהן דרך ארץ. ער האָט פערשטאנען אין לערנען נאָך וויינגער פאר זיין עם הארצישען טאטען, דערפאר איז ער אָבער געווען קליגער פאר איהם, מעהר צולאָזען און האָט געהאט אין זיך מעהר שמד׳שטיק וויא זיין טאטע.

זיין מאמע האָט איהם זעהר ליעב געהאט און האָט אויף איהם ניט געלאָזט פאלען א האָאר. זיא פלעגט איהם נאָכגעבען אללע זיינע אויסגעלאסענהייטען און פאר איהר איז קיין זאך ניט געווען שווער נור איהם צופריעדען צו שטעלען. זיא

ווענינ ער האָט געוואוסט אין דער תורה, דאָך פלעגט ער אָפּלאַבען און אָפּשפּאַ־טען פון איהר און פלעגט מאַכען לצנות פון זיין גאָט און אמונה. עס פערשטעהט זיך אַז זיין מאַמע איז אויך ניט געווען קיין צנועה וואָס זיא האט אויסגעהאדעוועט אַזאַ מהייער בן יחד. זיא איז אויך געווען פערדאָרבען פונקט אַזוי וויא איהר זוהן. זייא וואַרען דארום זעהר פערהאַסט בייא יעדען עהרליכען איד און קיין אַנשטענדיגער מענש פלעגט מיט זיי נים וועללען האָבען צו טהאָן.

און דיעזע רייכע אלמנה מיט איהר זוהן, יוסף פּאַנדרי, האבען געוואָהנט גלייך אנטקעגען מרים׳ס פּאַלאַץ. דיא שעהנע מרים איז שטאַרק געפעללען געוואָרען יוסף׳ן ער פלעגט שטענדיג אריין געהן צו איהר אלס אַ בעקאַנטער שכן און פלעגט זיך צו איהר זעהר חנפ׳ענען. ער פלעגט זיך אימערר סטאַרעווען צו ריידען פאַר איהר זיס און אַדעל, אום דערמיט צו געפינען בייא איהר חן.

מרים איז אָבער געווען אַ קלוגע, זיא האָט פערשטאַנען וואָס ער מיינט דער־מיט און זיא פלעגט איהם דארום ניט ענטפערן אַ וואָרט. יוסף פלעגט זיך אימטער טרייסטען דערמיט, אַז מרים האָט איהם ניט פיינד נור זיא רעדט נים מיט איהם ווייל זיא איז זעהר פרום און שעהמט זיך, וויא דער שטייגער איז פון אללע יונגע מיידלאך.

צווישען קעניגין הילנא׳ס בעקאַנטע האט זיך דאן געפונען אַ זעהר קלוגער און שטאַרק געלערנטער יונגער מאַן, מיט דעם נאמען יוחנן, דיעזער יוחנן האט אויך געשטאַמט פון מלכות בית דוד און איז געווען אַ גרויסער חריף ובקי אין דער תורה. זיין רבי איז געווען איינער פון דיא גרויסע סנהדרין. יוחנן איז בייא אללעמען געווען זעהר געאַכטער און וואר אויך זעהר שטאַרק בעליעבט בייא דער קעניגין.

איין מאָל, ווען מרים איז געווען ביי דיא קעניגין אין פּאַלאַץ, האט דיא קעניגין זיך אָפּגערופען צו איהר:

— הער, מיין טאָכטער, דו בינסט שוין גאָט צו דאַנקען אויסגעוואַקסען אַ היבשע מיידעל און עס וואָלט שוין געווען צייט מען זאָל האָבען פון דיר נחמה. דו קענסט דאָך דעם יונגען מאַן, יוחנן, וועלכער קומט אריין צו אונז. ער איז זעהר אַ פיינער בחור, ער קען פיעל לערנען און איז אַ מושלם אין אללע מעלות. און איך וואָלט זאָגען, אַז איהר זאָלטביידע חתונה האבען און איהר וועט זיין גליקליך.

— איך בין צופריעדען, קעניגין—האט איהר מרים געענטפערט—וואָרום דיעזער יונגער מאַן איז מיר זעהר געפעללען.

דיא קעניגין האט גלייך געשיקט נאָך יוחנן און האט איהם געפרעגט צו ער וואָלט זיין צופריעדען מיט דעם שידוך, און יוחנן האט געענטפערט „יא“.

דיא קעניגין האט דאן געלאזט רופען אללע גרויסע לייט פון שטאדט צו זיך אין הויף. וואו מען האט געשריבען תנאים און דער חתן האט מקדש געווען דיא כלה, אזוי וויא מען איז זיך דאן נוהג געווען בייא אידען.

דיא קעניגין האט זיך געפרייט, וואס זיא האט געקראגען פאר איהר געליעבטע מרים אזא פאסענדען זיווג און האט דארום געמאכט א גרויסען מאהלצייט לכבוד דיא יונגע פאאר.

ווען יוסף פאנדרי האט זיך דערוואוסט, אז מרים איז פער'קנס'ט געווארען צו יוחנן, האט איהם דאס זעהר שטארק פערדראסען. ער איז אוועק אהיים מיט א פערביטערטע הארץ און האט זעהר פיעל געוויינט. פארדעם פלעגט ער אלץ האפען אז מרים וועט זיך דאך לאזען איבעררייידען און איהם נעהמען, אבער יעצט, ווען ער האט איין־געזעהען אז ער האט זיך אין דעם גענארט, האט דאס איהם זעהר באנג געטהאן און ער איז א קורצע צייט ארום קראנק געווארן פון פערדרוס.

ווען זיין מוטטער האט בעמערק אז איהר איינציגער זוהן איז פלוצלונג קראנק געווארען האט זיא אנגעפאנגען אויסצופארשען פון איהם, וואס דיא אורזאכע דער־פון איז

יוסף האט לאנג זיין אונגליק פון איהר ניט בעהאלטע און האט פערצעהלט פאר זיין מוטטער זיין גאנצע ביטערע הארץ, אז ער איז געווען זעהר שטארק פערליעבט אין דיא שעהנע מרים און איהר יעדער בליק איז געווען פאר זיין הארץ וויא דער טהייערסטער זאלב, און ער האט נאך אייממער געהאט א האפנונג צו געפינען חן ביי מירים'ן. אבער יעצט איז שוין אללעס פערפאללען ווארום מרים איז געווארן איין אנדערענס כלה.

— שוויינ, מיין קינד — האט איהם זיין מוטטער געטרייסט, — זארג ניט אזוי פיעל, ווארום עס וועט שוין אללעס רעכט ווערן. דו ווייסט דאך אז דו בינסט ביי מיר מיין אינציגער זוהן. איך וועל קיין זאך אין דער וועלט ניט זשאלעווען פאר דיר און איך וועל זעהן אויסצופיהרען פאר דיר אללעס וואס דיין הארץ געלוסט.

מיט א פאאר טעג שפעטער האט יוסף'ס מוטטער געמאכט א מאהל צייט און האט איינגעלאדען איהרע פריינד און בעקאנטע צו דיא שמחה. זיא האט זיי אללעמען פערטרויט דעם צוועק פון דיעזען יום טוב וואס זיא מאכט, אז זיא וויל דורך דעם ארייננארדען אין איהר הויז דיא שעהנע מרים און איהר איבערגעבען אין איהר בן יחיד'ס הענד. דיא פריינד איהרע זיינען ניט געווען פון א בעסערען הראקטער וויא זיא אליין און האבען דארום איינגעוויללינגט צו איהר פערדארבענעם פלאן.

זיא האט אָפּגעמאַכט מיט זיי, דאָס גלייך וויא מרים וועט אריינקומען אין איהר הויז זאָללען זיי זיך אללע פארנאַנדער געהן.

דאן איז זיא אוועק צו מרים'ן אין איהר זעהר שטארק אָנגעפאנגען צו בעטען זיא זאָל קומען צו איהר מאָהלצייט.

זיא האט איהר איינגערעדט מיט פערשיעדענע דבורים און האָט איהר געזאָגט דאָס ווען דיא שעהנע מרים וועט ניט זיין ביי איהר אויף דיא שמחה וועט ביי זיי נאָר זיין א פערשטערטער יום טוב. זיא האָט דערציילט דאָס אללע געסט ווארטען אויף איהר, און אויך איהר זוהן וועלכער איז יעצט גראָדע ניט געזונד, וואָלט איהר גערן געוועזן צו זעהן. מרים האט געהאט א גוטעס הארץ און האט איהר שכנה ניט געקענט פערזאָגען אזא קלייניגקייט. זיא איז אוועק מיט איהר אין יוסף'ס הויז, ניט וויסענדיג אז דיא פאלשע מענשען האָבען דאָרטען אָנגעגרייט פאר איהר א שענד־ליכען פּלאַן איהר אונגליקליך צו מאכען.

ווען דיא געסט האבען דערזעהן אז מרים איז שוין געקומען, האָבען זיי אָנגע־פאנגען ביסלעכווייז פארנאַנדערצוגעהן.

יוסף איז געוועזן אויסגעפּוצט אין זיינע שעהנסטע קליידער. ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען מרים'ען און האָט אָנגעפאנגען צו פערציהען מיט איהר א גע שפּרעך.

דערווייל האט איהר יוסף'ס מוטטער גענומען מכבד זיין מיט פערשיעדענע געריכטען און האָט איהר געזאָגט:

— קוק ניט, מיין טאָכטער, אויף דיא איבריגע געסט וואָס זיי געהען אוועק, ווארום זיי האָבען זיך שוין דאָ גענוג פערבראַכט און זיי וואָהנען וויט פון דאַנען, דעריבער דאַרפען זיי אוועקגעהן. אָבער דו וואָהנסט דאָך דאָ גופא און בינסט דאָך ערשט געקומען האָסטו נאָך גענוג צייט זיך צו פערברייגגען מיט אונז.

מרים איז געוואָרען זעהר אונרוהיג ווען זיא האָט שפּעטער דערזעהען דאָס זיא איז געבליבען דיא איינציגע גאַסט אין שטוב און האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן.

פאנדריי'ס מוטטער האָט איהר אָבער אָנגעהויבען צו בעטען זיא זאָל נאָך פערבלייבען א פּאָאר מינוטען און איז ארויסגעגאַנגען, זאָגענדיג דאָס זיא געהט בריי־גען פון צווייטען צימער א ביסעל זאפט וואָס זיא האָט אויסגעפּרעגעלט. און אין אמת'ן איז זיא ארויסגעגאַנגען פון שטוב און איבערגעלאָזען אליין מרים'ן מיט יוסף'ן אין איין צימער, אום איהר טהייערער בן יחד זאָל קענען אויספיהרען זיין ליי־דענשאַפט.

גלייך וויא זיין מוטטער איז ארויס פון צימער האט יוסף אָנגעפאנגען זיך צו

בעטען ביי מרים'ן זיא זאל איהם ערלויבען זיין ליידענשאפט אוים צו איבען ווארום די זיינען יעצט אליין אין הויז און קיינער וועט דערפון ניט וויסען.

מרים האט איהם מיט שרעקען געענטפערט, ער זאל ניט טראכטען צו פערפיהרען א עהרליכע אידישע טאכטער און האט געוואלט ארויסגעהן פון הויז. יוסף האט איהר שוין אבער ניט געלאזען.

ער האט איהר פעסט ארומגענומען מיט זיינע ביידע הענד און האט איהר נעשלעפט צוריק אין צימער.

ווען מרים האט דערזעהען וואס פאר א אונגליק איהר שטעהט פאר האט זיא אנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען.

יוסף איז דערשראקען געווארען פון איהרע טרעהרען און געשריי און זיינע הענד זיינען פלוצלונג שוואך געווארען. אין דיעזען מאמענט האט זיך מרים ארויסגעריסען פון זיינע הענד און איז ארויסגעלאפען פון שטוב. זיא איז אוועק אהיים וויינענדיג און האט אבער קיינעם ניט דערצעהלט אווארט פון דער גאנצער געשיכטע.

ווען יוסף'ס מוטטער איז אריין צוריק אין שטוב האט איהר דער זוהן דערצעהלט אללעס וואס עס האט פאסירט און זיי ווארען ביידע אין גרוים פערדרוס וואס זייער פלאן איז זיי ניט געלונגען.

פאנדריי'ס מוטטער האט אבער איהר מוטה דורכדעם ניט פערלארען און האט גלייך אויסגעפונען א נייעם פלאן וויא אזוי אריינצוקריגען דיא שעהנע מרים. זיא האט געטרייסט איהר זוהן און איהם געזאגט:

— איך זעה, מיין קינד, דאס דו ווערסט קראנקער וואס פון טאג און דו בינסט שטענדיג אונמוטהיג און נידערגעשלאגען. איך וועל דיר דערום געבען איין אנדער עצה וויא אזוי דיין הארץ צופריעדען שטעללען.

איך וועל דיר געבען געלד וויפיעל דו ווילסט און דו געה אוועק צו מרים'ס חתן, יוחנן, און זעה צו ווערען מיט איהם א חבר. און דאן זאלסטו מיטגעהן מיט איהם ווען ער וועט געהן צו זיין כלה און מיט דער צייט וועט זיך דיר דורך דעם איינגעבען אויסצופיהרען דיין פערלאנג.

יוסף האט געפאלגט זיין מוטטערס עצה און איז אוועק צו יוחנן.

אויף יוחנן'ס פראגע וואס ער פערלאנגט האט איהם יוסף געענטפערט בזה הלשון:

— דו, יוחנן, בינסט דאך א גרויסער צדיק, דו קענסט זעהר פיעל לערנען, בינס א בקי און חריף אין דער תורה און ווערסט גערעכענט פאר דעם גרעסטען פון אללע תלמידים. דו שטאמסט פון דוד המלך און בינסט געאכטעט ביי אללעמען.

און איך בין א איינפאכער עם הארץ און קום ארויס פון דיא ניעדריגסטע קלאסע מענשען פון ירושלים. איך בין אבער זעהר רייך, איך האב א סך געלד און פיעל גיטער. און איך וואלט פערלאנגען פון דיר דיא פאלגענדע טובה. איך וועל דיר געבען וויפיעל געלד דו ווען וועסט וועללען אום דו זאלסט מיר ערלויבען צו זיין אימער נעבען דיר, איך זאל זיך חאטש א ביסעל קענען אפלערנען פון דיינע גוטע מעשים. דיר וועט דערפון קיין שאדען ניט ארויסקומען און איך וועל זיין גליקליך ווען דו וועסט זיין מיין חבר און איך וועל דאדורך געווינען מעהר אכטונג בייא מענשען. דאס איז ביי מיר טהייערער פון אללעס. און דיר וועט דערפאר קיין זאך ניט פעהלען.

יוחנן איז מרוצה געווארען. ער האט גענומען פון יוסף'ן וויפיעל געלד ער האט געדארפט און זיי האבען פון דאן אןביידע געלעבט וויא ברידער.

איין מאל איז יוחנן געגאנגען צו זיין כלה און יוסף איז מיט איהם מיטגעגאנגען. ווען מרים האט דערזעהען איהר חתן געהענדיג צוזאמען מיט דעם אויסגעלאסענעם יוסף פאנדרי האט דאס איהר זעהר שטארק פערדראסען און זיא האט מיט איהם ניט גערעדט.

יוחנן איז אוועק פון איהר הויז זעהר אונמוטהיג, ניט פערשטעהענדיג פאר וואס מרים איז אין כעס אויף איהם און וויל מיט איהם ניט ריידען. דאכט זיך אימער איז זיא געוועזען צו איהם אזוי פריינדליך און פלעגט צו איהם ריידען אזוי ליעבליך און יעצט האט זיא איהם אפילו א ווארט ניט געענטפערט אויף אללעס וואס ער האט צו איהר גערעדט.

אין א קורצע צייט ארום האט מרים געלאזט רופען יוחנן און איהם דערצעהלט דיא אורזאכע פון איהר כעס. זיא האט איהם געמאכט פארווירפע פאר וואס ער האט צו טהאן מיט אזא פערדארבענעם יונג וויא יוסף פאנדרי איז.

— און נאך ווייניג — האט זיא געזאגט — וואס דו געהסט ארום מיט איהם האסטו איהם נאך געבראכט צו מיר אין הויז. און יעצט, בעט איך דיר, אז דו זאלסט מעהר מיט איהם ניט האבען צו טהאן און איהם מעהר צו זיך אין שטוב ניט אריינלאזען.

— מיין ליבע מרים—האט איהר יוחנן געענטפערט—וואס פאר איין אונרעכט האסטו דען געזעהען אין יוסף'ן אז דו זאגסט דאס ער איז א פערדארבענער יונג. דאכט זיך, צייט איך קען איהם האב איך אין איהם קיין שלעכטעס ניט אויסגעפונען.

— דו האסט א טעות, יוחנן—האט זיך מרים אפגערופען—איך קען יוסף'ן זעהר

גוט. ווארום ער וואהנט ניט ווייט פון דאנען און איך ווייס וואס פאר איין אויסוואורף ער איז. ער האט ניט אין זיך קיין אמת'ן ווארט און אללעס וואס ער רעדט איז פאלש. איך האב זעהר שטארק מורא דו זאלסט זיך ניט אפלערנען פון איהם זיינע שלעכטע מעשים און זאלסט דורך איהם ניט ארונטער געהן פון דרך הישר.

— האב קיין מורא נים, מיין ליעבע,—האט איהר יוחנן געענטפערט— איך וועל דיר געבען א ביישפיעל מיט א ברענענדע ליכט, פון וועלכע הונדערטע מענשען צינדען אן פייער און דיא ברענענדע ליכט האט דערפון קיין שאדען ניט און בלייבט ברענען אזוי וויא פריהער. דאס זעלבע איז מיט מיר. אויך אפילו עס זאל זיין ריכטיג וואס דו זאגסט אז יוסף איז א גרויסער אויסוואורף וועל איך זיך געוויס פון איהם ניט אפלערנען זיינע שלעכטע מעשים, נור פערקעהרט, ער וועט זיך אפלערנען פון מיר מיינע גוטע מעשים און איך וועל נאך אויפטהאן דערמיט א גוטע זאך, ראס ער וועט ווערען דורך מיר א בעל תשובה.

— מיין הארץ זאגט מיר אבער יוחנן, אז עס וועט דערפון ארויסקומען א ביטערער סוף—האט איהם מרים געענטפערט טרויעריג.

יוחנן האט אבער איהר עצה ניט געפאלגט און איז זיך אוועקגעגאנגען זיין וועג.

איין מאל א שבת אין דער פריה נאכ'ן דאווענען איז יוחנן ווייטער געקומען צוזאמען מיט יוסף פאנדרי צו זיין כלה מרים. מרים האט דאן געהאט איהר מאנאטליכע צייט און זיא האט דארום געזאגט יוחנן, ער זאל זיך צו איהר ניט אנריהרען, ווייל זיא איז טמא.

און יוחנן מיט יוסף זיינען זיך אוועקגעגאנגען צוריק זייער וועג.

דאן איז יוסף'ן איינגעפאלען א געדאנק אין קאפ, דאס אין דיעזען טאג וועט ער קענען אויספיהרען זיין וואונש. ווארום אזוי וויא ער האט געוואוסט אז מרים איז דיעזען טאג טמא איז ער דאך געוועזען זיכער אז יוחנן וועט מעהר היינט צו איהר ניט קומען און זיא וועט דעריבער זיין דיא גאנצע נאכט אליין האט פאנדרי איינגעלאדען יוחנן צו איהם אין הויז אויף דיא דריטע סעודה, וואו ער האט איהם געגעבען טרינקען ויין און אנדערע משקאות. יוחנן האט געטרונקען לכבוד שבת ביז ער איז געווארן שכור און איז געבליבען שלאפען ביי יוסף'ן אין הויז.

ארום האלבע נאכט איז יוסף צוגעגאנגען צו מרים'ס הויז און האט אנגעקלאפט אין פענסטער פון דעם צימער וואו מרים איז געשלאפען.

ווען מרים האט דערהערדט אז מען קלאפט אין איהר פענסטער איז דיא אויפגעשטאנען און געפרעגט „ווער איז דא?"

— איך, דיין חתן יוחנן—האט איהר יוסף גענטפערט אין דער שטיל אום זיא זאל נים דערקענען זיין שטימע.

מרים איז שנעל צוגעלאפען און אפען געמאכט דעם פענסטער און געפרעגט וויא קומט ער דא אין מיטען דער נאכט און וואס וועללען לייט זאגען ווען זיי וועללען זיך דערוויסען דאס ער געהט צו איהר אזוי שפעט.

מעשה שטן איז אין דיעזען מוצאי שבת גראדע געווען א גרויס געוויטטער. א שטארקער רעגען האט געגאסען און א גרויסער שטורם-ווינט מיט דונגערן און בליטצען האבען געמאכט פיר אונמעגליך ארויסצוגעהן אין דרויסען. דאס אללעס האט יוסף'ן געדיענט פיר א גוטען תירוץ און ער האט זיך גלייך פערענטפערט פיר מרים'ן.

— איך בין געוועזן ביי דיין שכן, יוסף פאנדרי, צו דער דריטער סעודה און צוליב דעם שלעכטען וועטער קען איך יעצט ניט געהן אהיים. לאז מיר אריין, מיין טהייערע און איך וועל זיין ביי דיר ביז עס וועט איבערגעהן דער רעגען אדער ביז עס וועט ווערען טאג.

מרים האט גלייך געעפענט דיא טהיר און יוסף איז אריין צו איהר אין צימ-מער. ער האט מיט איהר זעהר ווייניג גערעדט' אום זיא זאל ניט דערקענען ווער ער איז און האט זיך גלייך אוועקגעזעצט לייענען קריאת שמע מיט גרויס כונה, זא דאס זיא זאל זיין איבערציינגט אז דאס איז איהר חתן' יוחנן דער צדיק. און אזוי שנעל וויא ער האט געענדיגט קריאת שמע איז ער צוגעפאללען צו מרים'ן האט איהר פעסט ארומגענומען און האט איהר אנגעפאנגען צו קוסען. מרים האט זיך דער-שראקען און האט איהם גענומען מאכען פארווירפע פאר זיין אונאנשטענדיגקייט.

— וויא שעהמסטו זיך דאס ניט מיר צו קוסען ? צו האב איך דען דיר ניט געזאגט היינט אין דער פריה אז איך בין טמא און דו טהארסט זיך אפילו אן מיר ניט אנריהרען ? איך זעה אז דו האסט זיך דאס אפגעלערנט פון דיין חבר יוסף פאנדרי, וואס איך האב דיר פיעל מאל געווארנט דו זאלסט מיט איהם קיין עוס'קים ניט האבען.

— שוויינ, מיין טהייערע, — האט איהר יוסף גענטפערט, — דיא עבירה איז גאר ניט אזוי גרויס וויא דו מיינסט, ווארום היינט איז אין בית המדרש געפסק'ט געווארען אז א חתן מעג זיין מיט זיין כלה און אפילו אויך ווען זיא איז טמא.

— דאך איז דאך דאס א גרויסע שאנדע אז א כלה זאל מזנה זיין פאר דער חופה.

— קיינער זעהט דאָך אָבער אונז ניט און קיין לעבעדיגער מענש וועט דערפון ניט וויסען.

— נאָט וועט אָבער דערפון וויסען—האט איהם מרים געענטפערט מיט פער־דרוס—און דארום בעט איך דיר דו זאָלסט מיר בעסער לאָזען צו רוה, זאָלסט מיר קיין שאנדע ניט אָנמאַכען און זאָלסט ניט שאַדען דיין אייגענעם נאמען.

— אויב אזוי טאָ לאָז מיר חאָטש זיצען נעבען דיין בעט, אום איך זאָל זיך חאָטש קעננען טרייסטען אַז דו בינסט ניט ווייט פון מיר.

— איך זעה אז אין דיר האָט זיך אריינגעזעצט דער יצר הרע, וועלכער ער־וועקט בייא דיר אין הארצען אללע שלעכטע געדאנקען.

יוסף האט אָבער ניט געקענט רוהען. ער האט זיך ווייטער אריבערגעבויגען איבער מרים׳ס בעט און האָט איהר אָנגעהויבען צו בעטען און איינצורייד‏ען זיא זאָל נאָכגעבען זיין פערלאנגג. ער האָט איהר נאָך אמאָל ערקלערט אז מען האָט אין בית המדרש געפסק׳ט, דאס אַ חתן מעג זיין מיט זיין כלה און ער האט איהר געזאָגט דאָס ווען זיא וועט איהם ניט צופריעדען שטעללען זיין וואונש מוז ער ניט אַנדערש שטאַרבען.

— איך זעה, מיין טהייערער יוחנן, דאָס איך קען מיט דיר ניט שטרייטען—האט מרים ענדליך געענטפערט, זעהענדיג אז זיא האָט מעהר קיין כחות ניט זיך צוריקצוהאלטען פון איהם—איך גלויב דיר אַלזאָ אויף דיין וואָרט און האָף אז דאס וואָס דו זאָגסט איז אמת, אַז דער דין איז ווירקליך געפסק׳ט געוואָרען וויא דו זאָגסט און איך גיב זיך מיר דארום איבער אין דיינע הענד, דו זאָלסט טהאָן מיט מיר וואָס דיין הארץ געלוסט און זאָלסט בלייבען לעבען.

יוסף האָט צו איהר מעהר אַ וואָרט ניט גערעדט און האָט גלייך אויסגעפיהרט זיין וואונש און איידער עס איז נאָך געוואָרען טאָג איז ער געווען מיט איהר אַ צוויי־טען מאָל און האָט אָנגעזעטיגט זיין ליידענשאַפט אויף וויפיעל זיין הארץ האט געלוסט.

— נאָכהער האָט דער אויסוואורף איהר געפרעגט מיט וועלכע פון דיא דרייא זאַכען וואָלט זיא בעסער וועללען ער זאָל איהר מקדש זיין: בכסף, בשטר אָדער בביאה.

— דיא לעצטע—האט איהם מרים געענטפערט.

יוסף האט דאן גענומען אַ גאָלדענעם האלדז־באנד און האָט איהר אָנגעטהאָן אויפ׳ן האלז און האָט צו איהר געזאָגט:

— איך האָב דיר יעצט מקדש געוועזן מיט צווייא זאַכען. און מרים האָט דאַן אַראָפּגענומען דעם רינג פון איהר פינגער און עס אוועקגעגעבען יוסף׳ן.

ווען יוסף איז זיך צוזאמענגעקומען מיט איהר דעם צווייטען מאָהל האט מרים איהם געזאָגט: איך זעה אין דיר דיא מעשים פון איין אפיקורוס, וואָרום דו בינסט געווען מיט מיר צוויי מאָל ווען איך בין א נדה. דו האָסט זיך דאָס געוויס אָפּגעלערנט פון דיין חבר יוסף פאנדרי, פון וועלכען איך האב דיר שוין לאנג געזאָגט אז ער איז א גרויסער אויסוואורף.

— איך זאָג דאָך דיר אָבער אז דער דין איז יעצט אנדערש און דעריבער מעג מען דאָס.—האָט איהר יוסף געענטפערט.

יוסף האט געהערט אין בית המדרש אז פון דער ערשטער ביאה ווערט א פרויענצימער ניט מעוברת און דעריבער האט ער איהר בעל געוועזען צוויי מאָל אום זיא זאָל מעוברת ווערן און לייט וועלען דאן זאָגען דאס זיא איז שוואנגער געוואָרען פון איהר חתן יוחנן און מען וועט איהם דעריבער ארויסטרייבען פון שטאָדט און דאן וועט מרים בלייבען אין זיינע הענד.

און מרים איז א גאנצע נאַכט געווען גענאַרט, זיא האָט געמיינט אז איהר חתן יוחנן איז דאָס געוועזען בייא איהר און האט גאָר ניט געוואוסט אז דער נידערטרעכ־טיגער אויסוואורף יוסף פאנדרי, האט אויסגעפיהרט איבער איהר א שענדליכע טהאַט. און איידער עס איז געוואָרן ליכטיג איז דרויסען איז יוסף אוועק פון מרים'ס הויז.

מרים איז אויפגעשטאנען אין דער פריה און איהר הארץ האָט געקלאפּט אין איהר וויא א האממער. טהרערין האבען געפלייצט פון איהרע אויגען און זיא האָט ניט געקענט איינרוהען. זיא האט עפּעס וויא געשפּירט אז עס איז מיט איהר בע־גאנגען געוואָרען איין אונרעכט, זיא האָט געציטערט מיט אללע איהרע גלידער און האָט ניט געקענט אויפהויבען איהר קאָפּ פאַר שאַנדע.

אין דעם זעלבען טאָג איז יוחנן איינער אליין געקומען צו מרים'ן, וואָרום יוסף איז שוין מעהר צו איהם ניט געקומען און גלייך וויא מרים האָט איהם דערזעהן האָט זיא גענומען אויסגיסען פאַר איהם זיין גאנצע טרויעריגע הארץ.

— זעהר מיאוס האָסטו זיך בעגאנגען געגען מיר, מיין טהייערער יוחנן און מיר וואונדערט וואָס דו שעהמסט זיך גאָר אפילו ניט פאַר דיינע אייגענע פערברעכען.

זעהר שטאַרק פערוואונדערט און דערשראָקען האָט יוחנן אָנגעקוקט זיין כלה, ניט פערשטעהענדיג וואָס זיא רעדט צו איהם און זיא האט אויסגעוויזען אין זיינע אויגען וויא משוגע.

— איך פערשטעה ניט, מרים, וואס דו מיינסט אייגענטליך מיט דיינע ווערטער, איך וויים פון קיין שולד און האָב קיין פערברעכען ניט בעגאנגען. א ?, האָב מיך

געכטען משמח געוועזן לכבוד שבת ביי דיין שכן יוסף און איך האב אויך ביי איהם אין הויז געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט ביז היינט אין דער פריה און פון דאַן אָן ביז יעצט בין איך געזעסען אין בית המדרש און געלערנט.

וויא ערשטוינט איז מרים געבליבען, הערענדיג יוחנן'ס ווערטער און אַ נייער שטראָם הייסע טהרערין האט אַרויסגעפּלייצט פון איהרע פערוויינטע אויגען.

יוחנן האָט ניט געקענט פערשטעהן וואס מיט מרים'ן איז געוואָרען און ער האָט איהר גענומען אויספרעגען וואָס דיא אורזאַכע דערפון איז.

מרים האָט איהם פערצעהלט פון אַללעס וואָס עס האָט מיט איהר פּאַסירט דיא לעצטע נאַכט. זיא האָט איהם געוויעזען דעם גאָלדענעם האלז־באַנד וואס זיא האָט געטראָגען און האט אויך פערשפּרייט פאַר איהם דעם בעפלעקטען ליילאַך, וועלכער האָט עדות געזאָגט אַז איהרע ווערטער זיינען אמת, אַ טויט שרעק איז אָנגעפאַללען אויף יוחנן הערענדיג דיא טרויעריגע ווערטער פון מרים'ס מויל, וועלכע זיינען אריין אין זיין הארץ וויא דיא שאַרפסטע שפּיזען.

יוחנן איז באַלד געקומען צו זיך און האָט אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן וואָס דאָ איז געשעהן. ער האָט זיך עראינערט וויא יוסף האָט איהם איינגעלאַדען שבת צו דער סעודה און האָט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיהע איהם איינצושכור'ען. ער האָט יעצט קלאָהר פערשטאַנען אַז דאָס האט יוסף פעראונגליקט זיין כלה. ער איז גע־וואָרן זעהר אויפגערעגט און אין כעס און האָט גלייך געוואָלט פערלאָזען דאָס הויז פון זיין פערפיהרטע מרים. זיא האָט איהם אָבער אָבגעהאַלטען און געבעטען ביי איהם מיט גרויס געוויין ער זאָל איהר ניט פערלאָזען און דערמיט נאָך גרעסער מאַכען איהר אונגליק. זיא האט פערשטאַנען אַז וויא באַלד זיא האָט איהם דערצעהלט איהר אונגליק וועט ער איהר געוויס אַוועקוואַרפען און האָט איהם דארום געוואָלט איינריידען דאָס ער איז דיא לעצטע נאַכט געוועזן ביי איהר און ער אַליין געדיינקט דאָס ניט, ווייל ער איז געוועזן שכור.

— מיין ליעבער יוחנן, — האָט זיא זיך געראָמען ביי איהם, — ווען איך האָב געזעהען נעכטען אַז דוא געהסט צו יוסף'ן אויף שלש סעודת האָב איך פערשטאַנען אַז קיין גוטעס וועט דערפון ניט אַרויסקומען. דוא האָסט דאָרטען געוויס געטרונקען וויין און דארום געדענקסטו אַליין ניט אַז דוא בינסט היינטיגע נאַכט געוועזן ביי מיר. דאָס איז קיין וואונדער ניט, עס פּאַסירען אָפט אַזעלכע זאַכען. צו האָט דען ניט דאָס זעלבע געטראָפען מיט לוט און זיינע טעכטער וויא אין דער תורה שטעהט? — איך ווייס אַז דו בינסט געוועזן ביי מיר.

און כדי איהם צו טרייסטען האָט זיא איהם געבראַכט ביישפּיעלע פון ראובן

און בלהה, יהודה און תמר און דוד בת-שבע. אויף יוחנן האבען אָבער דיא ווערטער גאַנץ ווייניג געווירקט. ער איז געווען איבערציינט אז זיין כלה איז פערפיהרט געוואָרן דורך א פרעמדען מענשען און האָט ניט געקענט הערען איהרע ווערטער. ער האָט איהר דאַרום קורץ געענטפערט:

— וואס טייג דיא פאַלשקייט און וואָס נוטצען מיר דיינע טרייסטונגען. דוא בינסט פערפיהרט געוואָרען און איך קען דאַרום מעהר ביי דיר ניט זיין.

— ערבאַרם זיך אויף מיר, מיין טהייערער—האט מרים פאַר איהם געוויינט—האָב רחמנות אויף מיר און אויף מיינע יונגע יאָהרען און פערלאָז מיר ניט אין מיין אונגליק. עס קען זיין אַז איך האָב פיעלייכט א טעות געהאַט און א פרעמדער האָט מיר אונגליקליך געמאַכט. איך בעט דיר אָבער וואַרף מיר ניט אוועק און לאָז מיר ניט דערטרונקען ווערן אין שאַנדע. דער טויט וועט פאַר מיר זיין ווען דו וועסט מיר פערלאָזען אין מיין יעצטיגע ביטערע לאַגע. פרעג זיך נאָך ביי דיינים און זאָללען זיי פסקק'ענען צי דו דאַרפסט זיך פון מיר שיידען. איך בין צופריעדען צו זיין דיין דיענסט, נור דו זאָלסט זיך מיר לאָזען בעשיטצען אונטער דיין נאָמען. העלף מיר מיין טהייערער, אויב עס איז פאַראַן א האָפנונג!

— איך וועל געהן און פרעגען בייא מיין רבי, רב תנחומא און וויא ער וועט מיר הייסען אזוי וועל איך טהאָן—האט איהר יוחנן געענטפערט און איז אוועקגעגאַנגען.

מיט א געבראָכענעם הארצען איז יוחנן געקומען צו זיין רבי און האָט איהם דערצעהלט זיין גאַנצען אונגליק. ער האָט איהם אויך געזאָגט דאָס ער איז חשד אין דעם זיין חבר, יוסף פאַנדרי, וואָרום זייט יענעם טאָג איז ער מעהר צו איהם ניט געקומען.

רב תנחומא איז געוואָרען א צעציטערטער פון דיעזע טרויעריגע געשיכטע. ער האָט געזאָגט, דאָס ער דיינקט אויך אז דאָס שטאַמט פון זיין חבר און איהם איז גלייך ניט געפעללען געוואָרען ווען ער האָט געזעהן ביידען ארומגעהענדיג צוזאַמען. רב תנחומא האָט געראַטהען אוועקצושטעללען שומרים ביי מרים'ס הויז און צו היטען; טאָמער וועט יוסף געהן אהין א צווייטען מאָל, יוסף איז שוין אָבער יעצט מעהר אהין ניט געגאַנגען ביז יוחנן איז אוועק פון ירושלים.

אין דריי חדשים ארום האָט שוין געקלונגען אין דער גאַנצער שטאָדט אז מרים איז שוואַנגער פון איהר חתן יוחנן.

מרים האט געלייקענט און האָט געוואָלט בעהאַלטען איהר שאַנדע. עס זיינען אָבער אוועק נאָך צוויי מאָנאַט און דאָס איז שוין געוואָרן פאַר איהר אונמעגליך, דיא איז געווען געצוואונגען צו דערצעהלען פאַר איהרע בעקאַנטע פרויען אללעם וואָס

מיט איהר האָט פּאַסירט אין יענע נאַכט און האָט געזאָגט דאָס זיא איז פון יוחנן מעוברת געוואָרן און ווען זיא איז פעררופען געוואָרן צו דיא סנהדרין האָט זיא זיי אויך דערצעהלט אז זיא איז שוואַנגער פון איהר חתן יוחנן און דיא גאַנצע שולד, וואָס פיעלע האָבען פריהער געוואָרפען אויף יוסף׳ן איז יעצט געפאללען אויף יוחנן׳ס קאָפּ.

ווען יוחנן האָט דערהערט אז מרים [illegible] שוואַנגער געוואָרן און אז מען וואַרפט דעם בילבול אויף איהר האָט איהם [illegible] שטאַרק געקריינקט. ער איז אוועק־געגאַנגען צו זיין רבי און האָט פאַר איהם אויסגעגאָסען זיין צעווייטאָגטע האַרץ.

מיין טהייערער רבי,—האָט ער פאַר איהם געטענה׳ט צי האָט איהר דען ווען געזעהן אין מיר איין אונרעכט, האָט איהר דען ווען געפונען אין מיר א זינד, אָדער האָט איהר דען געזעהן אין מיר איין אויסגעלאַסענהייט. איך האב קיין מאָל גענוג ניט געשלאָפען און האָב אויך קיין מאָל זאַטט ניט אָפּגעגעסען און האב מיר אימּמער געמיהט אין דער תורה און האָב קיין מאָל קיין מצוה פערפעהלט, טאָ פאַר וואָס קומט מיר דאָס אזוי פיעל צרות, פאַר וואָס דאַרף איך אויף מיין קאָפּ טראָגען אזא שאַנדע, דאָס אַללע זאָלען ריידען אז פון מיר איז מרים מעוברת און איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען. איך וויל דאַרום פערלאָזען דיעזע שטאָדט און וועל בעסער אוועק־געהן קיין בבל, וואו איך וועל אויך קענען לערנען תורה אזוי וויא דאָ און וועל ניט דאַרפען אויסשטעהן אזוי פיעל אונפערדינטע שאַנדע.

— איך ווייס, מיין זוהן, אז דו בינסט אונשולדיג — האָט איהם דער רבי גע־ענטפערט, — עס אָבער אונמעגליך צו פערמאַכען דיא מיילער פון המון. איך ווינש דיר דאַרום גליק און געה זיך דיר בשלום.

רב תנחומא האָט איהם געבענשט און יוחנן איז אוועק קיין בבל, וואו ער האָט געלערנט זעהר פיעל און איז געוואָרן זעהר גרויס אין תורה. זיין נאָמען איז געוואָרן זעהר בעריהמט אין ירושלים און אַללע האָבען איהם גערופען יוחנן הבבלי. און דאָס איז דער זעלבען יוחנן הבבלי וואָס ווערט דערמאָהנט אין גמרא.

ווען יוסף פּאַנדרי האָט דערהערט אז יוחנן האָט אוועקגעוואָרפען זיין כלה און איז אַנטלאָפען קיין בבל, איז ער גלייך אוועק צו מרים׳ן. מרים איז געוועזען פערזונקען אין טיעפען טרויער. זיא האָט אויף איהם ניט געקענט קוקען און האָט צו איהם א וואָרט ניט גערעדט.

יוסף האָט אָבער אָנגעפאַנגען צו ריידען צו איהר און האָט איהר גענומען טרייסטען און אויפמונטערען.

— זאָרג נישט, מיין ליעבע מרים,—האָט ער צו איהר געזאָגט, — זאָרג נישט וואָס דער אָרימער בטלן, יוחנן, האָט דיר אוועקגעוואָרפען. איך האָב דיר דאָך מקדש

געוועזן און איך בין דארום דיין חתן און ווען יוחנן האָט אָן דיר פערגעסען, דערפאַר בינסטו אָבער ביי מיר אין הארצען זעהר טהייער. ווארף אוועק דיין טרויער און קום מיט מיר און דיר וועט קיין זאַך ניט פעהלען.

ניעדערשלאָגען פון שאַנדע און טרויער, פערהאַסט פון מענשען און אויסגעקריינקט פון שווערען אונגליק, האט די אונגליקליכע מרים קיין אנדער ברירה געהאַט און האָט זיך איבערגעגעבען אין די [illegible] פון איהר בעטריגער.

מיט איינינע חדשים שפּעטער האט מרים געבאָרען דעם בעריהמטען ממזר בן הנדה אין האָט איהם געגעבען א נאָמען „ישי.“

זיא האָט אַלעמען געזאָגט אז ער איז יוחנן׳ס א זוהן און האָט איהם אויפגעצויגען און געגעבען לערנען אין בית המדרש פון ר׳ יהושע בן פרחיה. ער האָט געהאַט זעהר גוטע פעהיגקייטען צום לערנען און האט געלערנט זעהר פלייסיג. אין דער צייט פון איינינע יאָהר איז ער געוואָרן א גרויסער למדן און א בקי אין דער גאַנצער תורה. פיר זיין גוטען קאָפּ און לומדות האָבען איהם אַלע האָלט געהאַט און זיין רבי האָט איהם אויך זעהר שטאַרק געליעבט. און ווען מען פלעגט זאָגען אויף איהם אז ער איז א ממזר, פלעגט דער רבי אימער צוגעבען אז ער איז אָבער א „ממזר תלמוד חכם.“

איין טאָג האָט ישו מיט זיינע חברים זיך געשפּיעלט אין פילקעס און ער האָט ארויסגעוואָרפען זיין פילקע אום שבת מעהר וויא 4 איילען אין רשות הרבים און איז דערפאַר געוועזן חייב מיתה. זיינע חברים האבען דאָס דערצעהלט דעם רבי׳ן אָבער דער רבי האָט איהם מוחל געוועזן רעכנענדיג, אז ער איז דאָך ניט מעהר וויא א אינגעלאַן זיין חשק צו לערנען תורה וועט פערדעקען דיעזע עבירה. א 2טען מאָל האָט מיט איהם געטראָפען דאָס זיין היטעל איז הערונטערגעפאַלען און ער איז ארייגעלאָפען אין מקום קדש מיט א אָפּגעדעקטען קאָפּ און דיא חכמים האָבען דאן געזאָגט אויף איהם אז ער האָט אין זיך ממזר׳שע שטיק.

איין אנדערס מאָל האָט מיט איהם ווייטער פּאַסירט דאס ער האָט געפסקינט א דין פאר דעם רבינס אנוועזענהייט דער רבי האט אָנגעשריען אויף איהם און געזאָגט „המורה הלכה בפני רבו חייב מית׳“- האט זיך ישו אָפּגערופען צו זיין רבי׳ן מיט גרויס חוצפה — משה רבינו איז דאָך געוועזן דער גרעסטער פון אַלע נביאים אָבער דאָך ווען עס איז געקומען דער קלוגער מאן יתרו. האָט ער געלערנט דינים פאר משה׳ן און ער איז אויך ניט געוועזן חייב מיתה, נור מען האָט נאָך נאָר ארייגעשטעלט אין דער תורה פון איהם א גאַנצע פרשה, ואתה תחזה.

דעם רבי׳ן האט דאס זעהר שטאַרק פערדראָסען און ער האט זיך געטראַכט

„ער איז געוויס ניט יוחנן׳ס א זוהן און ניט אומזיסט זאגט מען אויף איהם אז ער איז א ממזר בן הנדה און עס איז זיכער צו גלויבען אז ער איז דער זוהן פון יוסף פאנדרי און איז דעריבער ממילא „חייב מיתה״. דער רבי איז אבער געווען א זעהר פרומער מאן און האט איהם ניט געוואלט בעשטראפען מיט זיינע אייגענע הענד און האט געלאזען דעם ממזר געהן זיין וועג, ביז זיין צייט וועט קומען.

איין מאל האט ער זיך ווייטער געשפילט מיט אינגלאך וועלכע האבען זיך צוקריעגט מיט איהם און האבען איהם גערופען „ממזר בן הנדה״ און „יאסעל פאנדרי׳ס זוהן״. ער איז געווארן אין כעס און איז אוועק אהיים מיט א קלאג צו דער מוטטער און האט איהר צום ערשטען מאל געפרעגט:

— מוטטער, זאג מיר דעם אמת, ווען איך בין געווען א קליינער אינגעל פלעגען מיר מיינע חברים רופען ממזר און מיר פלעגט דאס גאר ניט אארען, יעצט אבער רופען מיר ממזר גרויסע בחורים און זיי זאגען אז יוחנן איז קיין מאל דיין מאן ניט געווען און אז מיין טאטע איז גאר יוסף פאנדרי, וועלכער איז געווען מיט דיר אין דער צייט ווען דו בינסט געווען טמא.

זיין מוטטער איז זעהר שטארק דערשראקען געווארן פון זיין פראגע און האט זיך געשווארען פאר איהם אז דאס איז ליגען. זיא האט איהם פערזיכערט אז ער איז יוחנן׳ס א זוהן און איז א כשר קינד און האט איהם דערצעהלט אז יוחנן זיצט יעצט אין בבל און לערנט.

ס׳איז אוועק פון דאן א רעכטע צייט און ישו האט איממער געהערט וויא מען זידעלט איהם, מען לאכט אפ פון איהם און וואו ער פלעגט נור קומען צווישען מענשען פלעגט מען איהם גלייך בעגעגנען מיט דעם נאמען „ממזר בן הנדה״. דאס האט איהם זעהר שטארק געערגערט און ער האט דארום געבראכען אן גאטט און אנגעפאנגען צו טהאן להכעית דער אידישער אמונה.

זיין רבי ר׳ יהושע בן פרחיה, איז א מאל געשטאנען און האט מתפלל געווען אז דער בית המקדש זאל ניט חרוב ווערן. ער האט געוואוסט ווען עס איז דער עת רצון מכוון צו זיין תפלה. דער ממזר האט אבער דערפון אויך געקראגען צו וויסען און גלייך וויא זיין רבי האט אנגעפאנגען מתפלל צו זיין, האט ער זיך געשטעלט הינטער איהם און האט אויסגערופען—„ווען איך זאל זיין א גאטט וואלט איך חרוב מאבען דעם בית המקדש״. זיין רבי איז פערציטערט געווארן ווען ער האט דערהערט הינטער זיך דעם ממזר׳ס ווערטער און האט איהם דערלאנגט א פאאר גוטע קללות דערפאר.

אין יענע צייטען, ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, פלעגען דיא סנהדרין זיטצען אין בית המקדש און אללע אידען פלעגען זיי אפגעבען גרויס כבוד. ווען

איינער פון דיא סנהדרין פלעגט ארויסנעהן און נאס פלעגען אללע זיך בוקען פאר איהם און דער יעניגער וואס פלעגט דאס ניט טהאן פלעגט זיין חייב מיתה.

איין מאל זיינען דורכגעגאנגען דורך'ן גאס אללע סנהדרין און אללע אידען וואס האבען זיי געזעהען האבען זיך פיר זיי געבוקט. ישו איז אבער געשטאנען פאר זיי גאנץ גלייך און שטאלץ און האט זיך פיר זיי אפילו א בייג ניט געטהאן.

ווען דיא סנהדרין זיינען געקומען צוריק אין בית המקדש האבען זיי זיך נעפרעגט איינע דיא אנדערע, ווער דאס איז געווען דער מאן וואס איז געשטאנען אין גאס געגען זיי מיט אזוי פיעל חוצפה און האט זיך פאר זיי ניט געבוקט

— דאס איז מרים'ס זוהן וואס זיא האט געהאט פון איהר חתן יוחנן האבען א פאר וואס האבען איהם געקענט געענטפערט.

— אויב ער איז אזא גרויסער חצוף איז א גוטער סימן אז ער איז טאקע א ממזר בן הנדה און איז ניט יוחנן'ס זוהן.

ישוי'ס רבי, ר' יהושע בן פרחיה, האט אין דעם דערצעהלט דיא סנהדרין וואס פאר א חצף דער ממזר איז. ער האט זיי אללעס איבערגעגעבען ווענגען איהם און דערמאנט פאר זיי דיא אללע עבירות וואס ישו האט שוין אפגעטהאן און פיר וועלבע ער איז שוין לאנג געווען חייב מיתה.

דא איז געקומען ר' תנחומא, יוחנן'ס רבי און האט פאר זיי עדות געזאגט אז ישו איז א ממזר בן הנדה און איז ניט יוחנן'ס זוהן, זאנדערן דער זוהן פון יוסף פאנדרי. ער האט פאר דיא סנהדרין אויסגעזאגט אללעס וואס יוחנן האט איהם פערטרויט ווענגען דעם איידער ער איז אוועק אין בבל. וויא דיא סנהדרין האבען דאס דערהערט האבען זיי בעשלאסען צו לאזען רופען מרים'ן אליין און איהר הייסען זיך מודה זין אין אללעס וואס איז ביז יעצט פאר אללעמען ניט בעשטימט.

מרים איז נעקומען פאר דיא סנהדרין און דער ראש הסנהדרין האט איהר געהייסען זיא זאל זיך מודה זיין אין אללעס און אויסזאגען דיא ווארהייט ועמעס זוהן ישו איז און האט איהר פערשפראכען, דאס אים פאלל זיא וועט אויסזאגען דעם אמת וועט זיא קיין שטראף ניט דארפען ליידען.

רב תנחומא האט דאן פאר מרים'ן אין דיא אויגען דערצעהלט פאר דיא סנהדרין נאך א מאל פון אללעס וויא יוחנן האט איהם איבערגעגעבען. ער האט אויך דערצעהלט פאר זיי דיא גאנצע פערהעלטניסע צווישען יוחנן און מרים פון אנפאנג ביזן סוף און האט אויך דערמאהנט אז מרים האט פיעל מאל געווארנט יוחנן, ער זאל ניט האבען צו טהאן מיט דעם אויסגעלאסענעם יוסף פאנדרי.

מרים איז געווען שטארק דערשראקען און האט זעהר פיעל געוויינט. און

אונטער שווערע זיפצען וואס האבען זיך אללע ווײלע ארויסגעריסען פון איהר הארצען האט זיא דערצעהלט דעם אמת פון איהר טרויעריגען שיקזאל, פאר דיא סנהדרין.

— איך בין מודה פאר אייך מיין זינד — האט זיא געטענה'ט — גאט האט מיר געשטראפט אויף א שרעקליכען ארט און האט מיר דערטרונקען אין א ים פון זינד און צרות, איך בין זיך מודה פאר אייך רבותו, אז איך בין שוואנגער געווארן פון יוסף פאנדרי ווען איך בין געוועזן א נדה. — זיא האט זייא דערצעהלט וויא ער האט איהר נאך פריהער פערנארט צו איהם אין הויז וואו ער האט איהר געוואלט שענדען. — איך בין געוועזן אין טעות און האב געמיינט אז דאס איז מיין חתן יוחנן — האט זיא זיי וויטער דערצעהלט, — איך האב מיך צוריקגעהאלטען פון איהם אויף וויפיעל מיינע כחות האבען מיר געטראגען, ווען ער האט מיר צוגערעדט צו זינד. ער האט מיר אבער געזאגט אז דער דין איז יעצט אנדערש געווארן און איך האב מיר פערלאזט אויף זיינע ווערטער, ווארום איך האב פון אימער געוואוסט אז פון יוחנן'ס מויל געהט ניט ארויס א פאלשערווארט. איך האב זיך מיר אונטערגעגעבען זיין וויללען וויל איך האב איהם געטרויט איך בין געוועזן זיכער אז יוחנן טהוט ניט א זאך וואס איז ניט רעכט.

שפעטער, ווען יוחנן האט מיר פערלאזען און איז אוועק אין בבל בין איך אריינגעפאללען אין דיא הענד פון מיין בעטריגער, וויל איך האב קיין אנדער אויסוועג ניט געהאט. איך בין געווארן פערהאסט און פעראכטעט ביי אללע מענשען און בין געוועזן געצוואונגען זיך איבערצוגעבען צום ערשטען מענשען וואס וועט אויסשטעללען זיין האנד צו מיר. דער מאן וואס האט מיר אונגליקליך געמאכט איז געקומען צו מיר און האט אויפגעוויזען אז ער האט מיר מקדש געוועזן און איך האב דעריבער געמוזט נאכגעהן נאך איהם און זיך איבערגעבען צו זיין וויללען.

מרים האט זעהר פיעל געוויינט ריידענדיג דיא ווערטער און דיא סנהדרין האבען איהר געהייסען זיך אומקעהרען צוריק אויפ'ן עהרליכען וועג.

ישו האט געוואוסט אז זיין מוטטער איז געוועזן ביי דיא סנהדרין און נאך איהרע פערוויינטע אויגען האט ער פערשטאנען וועגען וואס מען האט איהר אהין גערופען. און גלייך וויא זיא איז געקומען אהיים האט ער איהר אנגעפאנגען אויס־פרעגען וואס זיא האט דארטען געטהאן. זיא האט איהם געענטפערט אז דיא סנהדרין האבען זיך נאכגעפרעגט ביי איהר וואס איהר מאנן יוחנן מאכט און צי זיא האט וואס געהערט פון איהם פון בבל. — איך וועל אליין געהן אין בבל צו מיין פאטער יוחנן און דורך מיר וועסטו ערהאלטען פון איהם א ריכטיגע ידיעה — האט יוסף זיך אפגערופען צו איהר — „און דו געה און נעהם ארויס פון קאסטען פאר מיר א פאאר

העמדער מיטצונעהמען אויפ׳ן וועג׳׳. ער האט איהר דאס זעהר שטארק נעבעטען און זיא איז צוגעגאנגען צום קאסטען, זיא האט איהם אפען געמאכט און אריינגעשטעקט דיא קאפ צוגעפינען פאר איהר זוהן דיא העמדער, ווען ישו איז צוגעגאנגען און אראפגעלאזען דעם דעק פון קאסטען איבער איהר קאפ. ער האט זיך אויבען ארויפגעזעצט, צוקוועטשענדיג זיין מוטטערס האלז און האט אויסגערופען צו איהר:

— הער, מוטטער, דו האסט איינמאל פאר מיר געשווארען אז איך בין א כשר קינד און בין יוחנן׳ס א זוהן. איך פערשטעה אבער יעצט אז דו האסט פאר מיר געשווארען פאלש. און יעצט מוזטו מיר אויסזאגען דיא ווארהייט און פון מיר א האאר ניט פערלייקענען און אויב דו זאגסט מיר ניט אוים וועסטו שטארבען דא אויפ׳ן שטעל!

מרים האט איהם יעצט אויסגעזאגט ווער ער איז, אז ער איז יוסף פאנדריי׳ס א זוהן און איז א ממזר בן הנדה און ישו האט געטראכט ביי זיך אין הארצען ,,אויב יא אזוי, אז איך בין טאקי א ממזר, וועל איך ערשט וויזען וואס א ממזר קען׳׳.

דיא סנהדרין האבען דאן געלאזט אויסרופען איבער דער גאנצער שטאדט און עס איז געבלאזען געווארן פון צוויי הונדערט שפרות, אז ישו איז א ממזר און טהאר דארום ניט גערעכענט ווערן צווישען אידען.

דער ממזר איז דאן אוועק אין גליל, וואו ער איז אפגעווען עטליכע יאהר און האט זיך אויסגעלערנט דארטען דעם שם הטומאה און כישוף. ער האט אללעס געטהאן להכעית דעם רבינו של עולם און דיא סנהדרין. ער האט געטראגען ביי זיך אין הארצען א שרעקליכע שנאה צו זיינע פערפאלגער און האט געזוכט פון זיי נקמה צו נעהמען, ער האט אבער זעהר מורא געהאט פאר דעם שם המפורש. ווארום ער האט געוואוסט אז אין בית המקדש געפינט זיך א מארמער שטיין, אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט דער שם המפורש. ווען דוד המלך האט געגראבען דעם פונדאמענט פון ירושלים האט ער געפונען אויפ׳ן גרונד א שטיין מיט דעם שם המפורש און ער האט איהם אוועקגעלייגט אין קדש הקדשים.

דיא חכמים האבען אבער מורא געהאט אז דיא יונגע לייט זאללען דאס ניט אויסלערנען פיר א צוועק וואס איז ניט לשם שמים און מען האט דארום געמאכט דורך היילינע שמות צוויי קופערנע לייבען, איינער פון דיא רעכטע זייט און דער אנדערער פון דיא לינקע זייט. און ווען איינער פלעגט אריין געהן אויסלערנען דעם שם המפורש ניט לשם שמים פלעגען דיא לייבען גלייך אנפאנגען צו ברומען אויף איהם און אוים גרויס שרעק פלעגט דער מענש דאס גלייך פערגעסען. אויך פלעגען דארטען שטענדיג שטעהן שומרים, וועלכע פלעגען היטען דאס קיין מענש זאל ניט

אויפשרייבען דעם שם המפורש און מיטנעהמען מיט זיך.

דער ממזר האָט אָבער ניט אַנדערש געוואָלט קריעגען דעם שם המפורש. ער איז דארום נעקומען אין ירושלים, זיך בעהאַלטענדיג, אז קיינער זאָל איהם ניט בעמערקען. ער האָט דאַן מיט דעם שם הטומאה און דורך פערשיעדענע כשוף זיך פערשטעלט פאַר א ראה ואינו נראה און איז אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש, וואו ער האָט אויסגעלערנט דעם שם המפורש און האָט עס פערשריבען אויף א שטיקעל פאַרמעט. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דיא לייבען, וועלכע וועללען אָנהויבען צו ברומען און דאַן וועט ער פון שרעק אַללעס פערגעסען. ער האָט זיך דארום בעשוואָרען ער זאָל פון קיין וועהטאָ: ניט פיהלען און האָט זיך אָפּגעשניטען דיא פלייש פון זיין פוס, וואו ער האט בעהאַלטען דיא שטיקעל פאַרמענט מיט דעם שם המפורש. ער האָט דאַן בעשוואָרען זיין פלייש אז עס זאָל זיך צוריק פערהיילען און איז אַרויסגעגאַנגען.

דיא לייבען האָבען גלייך אָנגעפאַנגען אויף איהם צו ברומען און ער האָט אַללעס פערגעסען. ער האט אפילו פערגעסען צו וואָס ער איז אַהער געקומען און איהם האָט זיך אָנפאַנגס געדאַכט אז דאס איז אין גאַנצען א חלום. ווען ער איז אָבער געקומען אויסען שטאָדט האט ער צוריק אויפגעשניטען זיין פוס און אַרויסגענומען דיא שטיקעל פאַרמענט וואָס ער האָט דאָרט פריהער בעהאַלטען. ער האָט אויסגעלערנט יעצט דעם שם המפורש און האָט זיך דערמיט זעהר שטאַרק געפרעהט. ער איז אוועק צו זיין מוטטער און האָט איהר דערצעלט אז ער איז געוועזען אין קדש הקדשים און אז ביי איהם אין דיא הענד ליעגט יעצט דיא מעגליכקייט צו טהאָן אַללעס וואָס ער וויל. ער האָט אויך פאַר איהר אין דיא אויגען געמאַכט עטליכע וואונדער אום איהר צו איבערצייגען אז ער רעדט דיא ווארהיים.

ישו האט דאַן גענומען זיין מוטטערס א קעמעל און איז אוועקגעריטען אויף איהם אין בית לחם. אַריינקומענדיג אין מיטען שטאָדט האט ער דערזעהען א סך מענשען און האָט אויסגערופען צו זיי מיט זיין שטאַרקע שטיממע:

— ווער פון אייך עס האָט מורא פאַר גאָטט, זאָל גלייך קומען צו מיר. קומט אהער מענשען און זעהט גאָטטעס וואונדער וואָס איך וועל צייגען פאַר אייך, אום איהר זאָלט וויסען אז משח איז געקומען צו אייך!

עטליכע הונדערט לעדיג געהערס און פוסטע יונגען וואָס האָבען זיך געפונען אין גאס האָבען זיך פערזאַמעלט ארום איהם און ער האָט זיי ווייטער געזאָגט:

— אויף מיר האט דאָס ישעיהו הנביא נביאות געזאָגט „והנה העלמה הרה ויולדת בן”. עס איז א ליגען וואָס מען זאָגט אויף מיר אז איך בין א ממזר בן הנדה

און טהאָר ניט גערעכענט ווערען צווישען אידען. דיא וועלכע זאָגען דאָס אויף מיר זיינען אללע משומדים און ממזרים. מיין מוטטער האָט מיר געבאָרען זייענדיג א בתולה, וואָרום עס איז אין איהר אריין א רוח הקדש, א הייליגער גייסט און איך בין גאָטטס א זוהן. איך האָב מיר זעלבסט בעשאאפען און האָב בעשפען דעם הימעל מיט דיא ערד און אללעס וואָס אויף איהר איז דאָ.

— גיב אונז א צייכען און בעווייז אונז אז דיינע ווערטער זיינען ריכטיג האָבען אללע אין איין קול צו איהם געשריען.

— גוט, האָט ער געענטפערט, איך וועל אייך געבען א צייכען. ברייננט מיר אהער א קרעטציגען און איך וועל איהם אויסהיילען.

מען האט געבראכט צו איהם א קרעטציגען און ער האָט איהם אויסגעהיילט. אללע וואָס האָבען דאָס צוגעזעהן האָבען זיך זעהר שטארק פערוואונדערט.

— נו, איז דאָס פאר אייך א וואונדער? האָט ער זיי ווייטער געזאָגט—ברייננט מיר אהער א טויטען און איך וועל איהם לעבענדיג מאכען. זיי זיינען אוועק זוכען א טויטען און האָבען אָבער ניט געפונען. מען האָט דאַן אויסגעגראָבען א קבר און ארויסגענומען פון דאָרטען נור צעשאָטענע ביינער פון א מת און מען האָט דאָס גע־בראכט צו ישו׳ן און זיי האָבען איהם געזאָגט אז זיי האָבען נור געפונען א הויפען ביינער. ער האָט געהייסען איהם געבען דיא ביינער און האָט זיי צוזאמענגעשטעלט ריכטיג נאָכ׳ן סדר און האָט זיי איינגעשלאָסען א גליעד אין א גליעד. ער האָט איהם דאַן בעדעקט מיט פלייש און בעציינגען מיט אָדערען און מיט א הויט און דער מענש איז געבליבען שטעהן א לעבעדיגער. ישו האט דאָס אללעס געמאכט מיט דעם שם המפורש. ווען דיא פערזאמעלטע האָבען דאס דערזעהן זיינען זיי אללע געפאללען אויף דיא פּנים׳ער און האבען זיך געבוקט צו איהם. ער איז זייט דאַן אין אללע־מענס אויגען געוואָרן זעהר שטארק דערהויבען. מען פלעגט איהם אָפּגעבען א גרויסען כבוד און אללע פלעגען איהם ברייננען טהייערע מתנות.

ער האָט פערזאמעלט ארום זיך אייניגע הונדערט תלמידים, וועלכע פלעגען ניט אָפּטרעטען פון זיין הויז און פלעגען הערען זיין תורה. פאר זיי אין דיא אויגען האט ער געשפּאָט און חוזק געמאכט פון תורת משה, ער האָט פערדרעהט פיעלע דינים און האט מתיר געמאכט א סך עבורות. דיא אלטע און קלוגע לייט פון שטאָדט און אויך יעדער פרומער מענש וואָס האט נור געהאט א קלאָרען פערשטאנד ביי זיך אין קאָפּ האט פערשטאנען דיא פאלשקייט און בעטרוג וואָס דער ממזר האָט פערברייטעט. זיי פלעגט אפילו זעהר וואונדערן וויא אזוי ער קען דאס בעווייזען דיא נסים, זייער הארץ איז אָבער געבליבען גאַנץ מיט גאָטט און דיא גאָטטס

לעסטערונג און שנאה צו תורת משה וואָס דער ממזר האָט פראָפּאָגאַנדירט האָט ביי זיי דאַרום אָנגעמאַכט אַ גרויסען טרויער.

פערשטעהענדיג דיא געפאהר וואָס דאָ שטעהט פאָר פאַר דער אידישער אמונה האָבען דיא אַלטע לייט און פיהרערס פון דער אידישער געמיינדע אין בית לחם אוועקגעשיקט שלוחים אין ירושלים צו פרעגען איין עצה, וואָס צו טהאָן מיט דעם ממזר. גלייך וויא עס איז בעקאַנט געוואָרן אין ירושלים אַלעס וואָס ישו האָט געטהאָן, האָבען דיא סנהדרין געשיקט נאָך מרים'ן און האָבען איהר געפרעגט וואָס עס איז געוואָרן מיט איהר זוהן. מרים האָט געבעטען ביי דיא סנהדרין דאָס קיינער זאָל ניט אויסזאָגען אַז זיא האָט דאָס דערצעהלט, אום ישו זאָל ניט געוואָהר ווערן אַז זיין מוטטער האָט איהם פעררעטהען און זיא האָט דאַן דערצעהלט פאַר דיא סנהדרין וויא ישו איז אַריינגעקומען אין קדש הקדשים און האָט דאָרטען אויסגעלערנט דעם שם המפורש. ווען דיא סנהדרין און אַללע עהרליכע אידען פון ירושלים האָבען דאָס דערהערט איז ביי זיי געוואָרן אַ גרויסער טרויער, אַזוי וויא אין דעם טאָג ווען דער עגל איז געמאַכט געוואָרן, ווען דיא אידען זיינען געווען אין דער מדבר.

דיא סנהדרין האָבען דאַן בעשלאָסען צו ברייננען דעם ממזר אין ירושלים און איהם שטעללען פאַר אַ משפט נאָך דעם דין פון דער תורה. אנגעזעהענע לייט פון דיא סנהדרי קטנה זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן צו איהם. ווען דיא שלוחים זיינען געקומען פאַר איהם און האָבען זיך צו איהם געבוקט, האָט ער געמיינט אַז זיי זיינען אויך פון דיא לייטע וואָס גלויבען אין איהם און האט זיי דאַרום זעהר שעהן אָנגענומען. ער האָט זיי אוועקגעזעצט נעבען זיך און האָט זיי געמאַכט פאַר דיא גרעסטע פון זיין גאַנצע באַנדע. ער האט זיי געפרעגט פון וואַנען זיי זיינען און זיי האבען איהם געענטפערט.

— מיר זיינען געשיקט געוואָרן פון ירושלים פון דיא סנהדרי גדולה און פון אַללע עהרליכע און פרומע אידען פון יענע שטאָדט, וואָרום מיר האָבען געהערט פון אַללע דיינע נסים און וואונדער וואָס דו האָסט בעוויעזען און מיר האָבען געהערט אַז דו זאָגט אַז דו בינסט גאָטט'ס אַ זוהן און דאַרום האָבען מיר זעהר געוואָלט דו זאָלסט קומען צו אונז.

ישו האָט זיך זעהר געפרעהט דערמיט און האָט געזאָגט אַז ער וועט טהאָן אַללעס וואָס זיי וועללען פון איהם פערלאַנגען, אָבער מיט דעם תנאי אַז אַללע, דיא סנהדרי גדולה און דיא סנהדרי קטנה און אַללע וואָס האָבען איהם פריהער פערורטהיילט פאַר אַ ממזר, וואָס טהאָר ניט גערעכענט ווערן צווישען אידען, זאָללען איהם קומען אנטקעגען און זיך בוקען פאַר איהם פונקט וויא קנעכט פאַר זייער האַר.

און מיט דעם תנאי וועט ער קומען צו זיי.

ווען דיא שלוחים זיינען געקומען צוריק אין ירושלים און האָבען דערצעהלט וואָס ישו פערלאַנגט. האָבען דיא סנהדרין און אללע קלוגע לייט פון שטאָדט אָפּגעמאכט אז מען זאָל איהם זאָגען אז זיי זיינען צופריעדען און זיי וועללען טהאָן וואָס ער וויל. אין אמת'ן האבען זייא אָבער נור געמיינט ער זאָל קומען אין ירושלים אום מען זאָל איהם קענען דאָרטען משפּט'ן פאַר זיינע ממזר'שע שטיק.

דיא שלוחים זיינען צוריק געקומען צו ישו'ן און האבען איהם איבערגעגעבען וואָס דיא סנהדרין האָבען געזאָגט.

ישו האָט דאַן געבעטען מען זאָל איהם ברייגנען א פיינעם אייזעל אויף וועלכען ער זאָל רייטען אין ירושלים. מען האָט איהם גלייך געבראַכט איין אייזעל און ער איז אַרויס אין וועג. ווען ער איז געקומען נעבען ירושלים זיינען דיא איינוואָהנער פון שטאָדט איהם ארויס אנטקעגען און האָבען געטראַכט ביי זיך אין הארצען: „אָט דער ממזר בן הנדה וועט דאָס זיין אונזער משיח?" ישו איז צוגעקומען צו זיי און האָט אויסגערופען:

— אויף מיר האָט דאָס זכריה הנביא נביאות געזאָגט „הנה מלכך יבא לך ישו רוכב על החמור". און ווען דיא אַלטע און פרומע אידען פון ירושלים האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי צוריסען אויף זיך זייערע קליידער פאַר גרויס טרויער, וואָרום זיי האָבען פערשטאַנען וואָס פאַר א גרויסער אונגליק עס קען ארויספאַללען אויפ'ן כלל ישראל פון דיעזען ממזר. אין גאַנץ שטאָדט איז דערפון געוואָרן א גרויסער רעש און געטומעל און דיא קעניגין הילנא איז דערפון געוואָהר געוואָרן. דאַן זיינען דיא אַלטע לייט פון שטאָדט אוועק צו דער קעניגין און איהר דערצעהלט וואָס דער ממזר ישו פיהרט אָפּ, אז ער געברויכט הייליגע שמות און בעוויזט דערמיט וואונדער אום איינצוריידען דעם המון און איהם אראָפּצופיהרען פון דרך הישר. זיי האבען דאָרום געבעטען ביי דיא קעניגין דיא ערלויבנים איהם צו משפּט'ן נאָך דעם דין פון דער תורה. דיא קעניגין האָט זיי געהייסען ברייגנען ישו'ן צו איהר און זיא וועט שוין וויסען מיט איהם וואָס צו טהאָן. ישו איז דאָך געוועזן הילנא'ס א קרוב פון זיין מוטטערס צד און זיא האט איהם געהייסען ברייגנען צו איהר אום זיא זאָל איהם קענען בעשיטצען, וואָרום זיא האָט ניט געוואָלט איהר קרוב זאָל אריינפאַלען אין דיא הענד פון דיא [illegible]יינים. דיא קלוגע לייט האָבען אָבער פערשטאַנען וואָס דיא קעניגין מיינט דערמי[illegible] [illegible] האבען איהר דאָרום געוואָרנט, זיא זאָל גאָר ניט דיינקען איהם צו בעשיטצען וואָרום ער איז א בעטריגער און א פאַלקס פערפיהרער און זיי האבען איהר דערצעהלט אז ער האָט אויסגעלערנט דעם שם המפורש און

בענוצט דאָס יעצט צו בעשווינדלען דעם אונפערשטענדיגען המון, און דארום איז דיא פפליכט פון דער קעניגין אזא מענשען צו פערפאָלגען און אָפצוראמען דערמיט דעם וועג פון דער אידישער אמונה און בפרט אז ער איז א ממזר בן הנדה און דערצו יוסף פאנדרי׳ס א זוהן.

— איך וועל אייך דאָס אַללעס טהאָן—האָט זיי דיא קעניגין געענטפערט -איך ויל אָבער איהר זאָלט איהם ברייגנען צו מיר, ווארום איך וואָלט וועללען זעהן זיינע וואונדער וואס ער מאכט און זיך דערמיט איבערציינען צו ער איז אזא בעטרי׳גער, וויא איהר זאָגט, אָדער ניט.

מען האָט גלייך געשיקט נאָך איהם און ער איז געקומען צו דער קעניגין. הילנא האָט איהם געהייסען ער זאָל בעווייזען דיא אַללע וואונדער פאר איהר, וואָס ער האָט פארדעם געמאַכט אין בית לחם.

— איך וועל טהאָן אַללעס וואָס דו וועסט מיר בעפעהלען—האט איהר ישו געענטפערט—איך וויל אָבער דו זאָלסט מיר אויסהיטען פון מיינע שונאים, וועלכע זאָגען אז איך בין א ממזר בן הנדה און ווילען מיר פערפאָלגען און איך האָף אז דו וועסט מיר בעשיטצען.

דיא קעניגין האָט איהם דאָס אַללעס צוגעזאָגט און ער האט אָנגעהויבען צו בעווייזען זיינע וואונדער. ער האט צוערשט געהייסען צו איהם ברייגנען א קרעטציגען און מען האט עס גלייך געבראכט צו איהם. ער האט אויסגערעדט איבער איהם דעם שם המפורש און דיא הויט פון קרעטציגען איז געוואָרן אזוי שעהן און גלאַט פונקט וויא דיא הויט פון א קליין קינד. מען האט נאכהער געבראכט צו איהם א טויטען. ער האָט ארויפגעלייגט זיין האַנד אויף איהם און דערמאָהנט דעם שם המפורש און דער טויטער איז לעבענדיג געוואָרן. נאָכדעם האָט יוסף אויסגערופען;

— אויף מיר האט ישעיהו הנביא געזאגט „אז ידלג כאיל פסח". ווען דיא קעניגין האט דאס אַללעס צוגעזעהן האט זיא געזאגט:

— וויא אזוי קען מען דאס זאגען אויף [illegible]ם אז ער איז א ממזר בן הנדה, [illegible] מען זעהט דאך אז ער איז א הייליגער [illegible] ליבער מאן דורך זיינע געטליכע וואונדער וואס ער בעוויזט פיר אונז און [illegible] קענט איהר, גוטע און פרומע לייט, ריידען שלעכטעס אויף אזא צדיק?

דיינקט ניט אזוי קעניגין,—האבען [illegible] חכמים צו איהר אָפגערופען—דער קלענסטער פון דיא סנהדרין קען טהאָ[illegible] לע זאכען מיט דעם שם המפורש. עס איז אבער זעהר א גרויסע עבירה צו [illegible] ברויכען אויף אזעלכע זאכען דעם שם המפורש.

דיא קעניגין האט זיי אָבער געענטפערט אז זיא וויל מעהר פון דעם נים הערען, וואָרום זיא קען איהם גאַנץ גוט און וויים ווער ישו איז און פון וואַנען ער שטאַמט און זיא וויל איהם דארום קיין שלעכטעס נים טהאָן.

דיא חכמים זיינען אוועק פון דיא קעניגין מיט א אונמוטהיגען הארצען און זיי האבען געזוכט עצות וויא אזוי אריינצוקריגען אין זייערערע הענד דעם געפעהר־ גאַטטס לעסטערער.

צווישען דיעזע חכמים האָט זיך געפונען א זעהר קלוגער און פרומער מאַן מיט דעם נאמען יהודה, וועלכער איז געפאללען אויף א גוטען פלאַן וויא אזוי אויפצו ווייזען דיא פאלשקייט און בעטרוג פון דעם ממזר. ער האָט געגעבען איין עצה אז איינער פון זיי זאָל זיך אויך אויסלערנען דעם שם המפורש און זאָל אויך בעווייזען דיא וואונדער און נסים וואס ישו מאַכט און דערמיט קענען, ערשטענס, אָפּצושוואַכען דעם צו־ טרויען וואָס דער ממזר האָט געוואונען אונטער דעם איינפאַכען המון און צווייטענס, מיט דעם גופא צו קענען בייקומען איהם און צונעהמען פון איהם דעם שם, דורך וועלכען ער האָט זיין גאַנצע מאַכט.

דיא עצה איז אללעמען זעהר געפעללען געוואָרן און זיי האָבען געזאָגט, אז דער מאַן וואָס וועט געהן און אויסלערנען דעם שם המפורש און דערמיט מנצח זיין דעם ממזר, וועט אויף יענער וועלט האָבען א דאָפּעלטען שכר.

— און יעצט—האבען דיא חכמים געזאָגט צו יהודה—געה דו אין בית המקדש און לערן אויס דעם שם המפורש און גאָט זאָל דיר העלפען.

— איך וועל געהן, האט יהודה זיי געענטפערט, ווען איהר וועט נעהמען אויף אייך דיא עבורה.

— גוט, האבען איהם אללע געענטפערט, מיר נעהמען אויף אונז דיא עבירה און מיר וועלען תפלה טהאָן פאר דיר אז דו זאָלסט אריינגעהן און ארויסגעהן פון בית המקדש בשלום און גאָטט זאָל דיר מצליח זיין.

ר׳ יהודה האט מתפלל געווען צו גאָטט און איז נאָכהער אוועקגאַנגען אין בית המקדש, וואו ער איז אריין אין קדש הקדשים און האט אויסגעלערנט דעם שם המפורש. ער איז ארויסגעגאַנגען בשלום און דיא לייבען האָבען אויף איהם נים גע־ ברומט, וואָרום זיי זיינען שוין אזוי געמאַכט געוואָרן דאָס זיי זאָללען נים ברומען אויף דעם וואָס לערנט אויס דעם שם המפורש לשם שמים.

ר׳ יהודה איז דאַן ארויסגעגאַנגען אין דיא גאסען פון ירושלים און האָט אויס־ גערופען איבעראל „ווער עס גלויבט אין גאָטט זאָל קומען צו מיר“. און עס האָבען זיך צוזאַמענגעזאַמעלט ארום איהם דיא גרויסע און דיא קליינע סנהדרין און אללע

פרומע און עהרליכע אידען פון ירושלים. יהודה האט זיך דאן געווענדעט צו אללע וואס ווארען פערזאמעלט ארום איהם און האט זיי געפרעגט:

ווער פון אייך זאגט אז דער ממזר בן הנדה, ישו, איז גאטט'ס א זוהן?—אט בין איך א איינפאכער בשר ודם און איך וועל מאכען פאר אייך אללעס וואס ער האט בעוויעזען.

מען איז אועק צו דער קעניגין און איהר דערצעהלט אז אללע וואונדער וואס ישו האט פאר איהר בעוויעזען קען יהודה אויך מאכען.

דיא קעניגין האט גערופען דעם ממזר און יהודה האט צו איהם געזאגט:—

„וואס האלסטו זיך גרויס, דו רשע, מיט דיינע נסים. זאי וויסען אז יעצט וועסטו שוין פון אונזערע הענד זיך ניט ארויסוויקלען, ווארום אויף דיר איז געזאגט געווארן אין דער תרה „כי יסיתך אחיך בן אמך והוצאת את האיש ההוא וסקלתו באבנים ומת ובערת הרע מקרבך” און דארום וועללען מיר מיט דיר טהאן וויא דו פערדיענסט און מיר וועללען אויפוויזען דיינע פאלשקייט.

— איך וויים אז איהר זייט פון לאנג א הארטנעקיגעס פאלק און ווילט זיך קיין מאל ניט אונטערגעבען און אויף מיר האט דוד המלך געזאגט „בני אתה אני היום ילדתיך”.

דיא קעניגין האט דאן געהייסען אז יהודה זאל צייגען צו ער קען אויך געזונד מאכען א קרעטציגען אזוי וויא ישו האט געמאכט.

— יא קעניגין—האט יהודה געענטפערט.

באלד איז געבראכט געווארן פאר איהם א קרעטציגער און ער האט איהם גלייך אויסגעהיילט און האט בעוויעזען פאר דיא קעניגין אללע נסים וואס דער ממזר האט פאר איהר פריהער געמאכט. זעהענדיג דאס, האט ישו זיך אפגערופען—„אויף מיר האט מיין עלטער-זיידע, דוד, געזאגט „נאם ה׳ שב לימיני” און יעצט וועל איך ארויף אין הימעל און זיך זעטצען ביי גאטט'ס רעכטע האנד.

— אויך דו וועסט אפילו זיך אוועקזעטצען אויף דיא שטערען, וועל איך דיר פון דארטען אויך אראפשלעפען, האט איהם יהודה געענטפערט.

ישו האט דערמאהנט דעם שם המפורש און א ווינד איז פלוצלונג אנגעקומען און האט איהם אויפגעהויבען אין דער לופטען. יהודה האט דאן אויך דערמאהנט דעם שם המפורש און איז אויך אויפגעהויבען געווארן אין דער לופטען פון א ווינד. אללע האבען זיך זעהר געוואונדערט, זעהענדיג וויא זיי זיינען אוועקגעפלויגען.

ווען יהודה און ישו זיינען אזוי געפלויגען אין דער הויך האט יהודה אנגענומען דעם ממזר און האט איהם געגעבען א שלעפ ער זאל אראפפאללען. ישו האט זיך

אבער געראנגעלט מיט איהם און ווען יהודה האט געזעהן דאס ער קען דעם ממזר ניט בייקומען, האט ער אויסגערופען נאך א מאל דעם שם המפורש און האט ארויפגעווארפען זיין השתנה אויף דעם ממזר, זא דאס זיי זיינען ביידע טמא געווארן און אראפגעפאללען אויף דער ערד.

ישו'ס אנהענגער האבען דאן געדענקט אז ער האט בייגעקומען יהודה, אבער ווען זיי זיינען צוגעקומען נאהענט האבען זיי זיך איבערצייגט אז יהודה האט מנצח געווען און זיי זיינען אוועק מיט אראפגעלאזענע קעפ, פערשעהמט פון דעם ממזר'ס מיאוסען פאלל.

דער ממזר איז געלעגען אין בלאטע איינגעמאכט פון קאפ ביז דיא פיס און אזוי האט מען איהם אוועקגעשלעפט צו דיא סנהדרין, וואו מען האט איהם אריינגעזעצט אין תפיסה. דאס איז אויסגעקומען גראדע ערב שבת און דיא סנהדרין האבען דארום אפגעלייגט איהם צו משפט'ן ביז נאך שבת.

ווען זיינע תלמידים האבען אבער דערהערט אז מען האט איהם פערשלאסען אין געפענגניס זיינען זיי געקומען צו איהם אין מיטען דער נאכט פון שבת און האבען איהם מיט געוואלט ארויסגענומען פון דארטען און זיינען אנטלאפען מיט איהם צום ירדן, וואו ער האט זיך גע'טבל'ט און איז דארום צוריק געווארן ריין. ער האט ווייטער דערמאהנט דעם שם המפורש און האט מיט זיינע תלמידים, וועלכע האבען געצעהלט עטליכע הונדערט מענשען, האבען זיך ארויפגעזעצט אויף 2 שטיינער און גישוואומען איבער דעם ירדן, וואו זיי זיינען פערבליבען זיטצען, זיך ערנעהרענדיג מיט דיא פיש וואס זיי פלעגען חאפען אין טייך.

אין ירושלים איז באלד בעקאנט געווארן אללעס וואס ישו מיט זיינע תלמידים האבען געטהאן. פון איבעראלל האבען ווייטער אנגעפאנגען זיך צוזאמענצוקלייבען צו איהם פיעלע מענשען. אלע זיינע תלמידים פלעגען געהן אנגעטהאן אין ווייסע קליידער און זאגאר דעם קאפ און דיא געזיכט פערדעקט מיט א ווייסען פארהאנג, נור פאר דיא אויגען זיינען פערבליבען לעכער, דורך וועלכע זיי פלעגען קענען זעהן. זיי האבען דאס אלעס געטהאן אום יהודה זאל ניט קענען געברויכען געגען זיי דעם שם המפורש, ווען דיא חכמים פון ירושלים האבען דאס געהערט האבען זיי זעהר שטארק געטרויערט אויף דעם.

יהודה האט דאן גענומען און זיך איבערגעטהאן אין די זעלבע קליידער ווי דער ממזר מיט זיינע תלמידים האבען געטראגען און איז אוועקגעגאנגען צו זיי נעבען ירדן, וואו ער איז אפגעווען מיט זיי דריי טעג, ביז ער האט דערקענט צווישען זיי דעם ממזר און האט אויף איהם געמאכט א צייכען.

אין דריי טעג ארום איז יהודה געקומען צוריק אין ירושלים און האט דערצעהלט דיא סנהדרין אללעס וואס ער האט דארטען אויסגעפונען און אז ער האט זיך פערצייכענט דעם ממזר אום איהם צו דערקענען צווישען זיינע תלמידים. דיא חכמים פון ירושלים האבען דאן אויסגעארבייט א נייעם פלאן וויא אזוי אריינצוקריגען דעם ממזר אין זייערע הענד און איהם איבערצוגעבען צום דין. זיי האבען אפגעמאכט צווישען זיך איהם מיט זיינע תלמידים, צו ברייגגען אויף א געוויסען פלאטץ, וואו יהודה זאל אנצייגען ווער דער ממזר איז און זיי זאללען זיך קעננען נוקם זיין אן איהם.

דיא סנהדרין האבען אוועקגעשיקט גלייך צו איהם א בריעף מיט דעם פאלגענדען אינהאלט:—„צו דיר, ישו, דעם געזאלבטען פון דעם גאטט פון יעקב שיקען מיר דיעזען בריעף. מיר האבען געהערט פון אללע וואונדער און געטליכע טהאטען וואס דו האסט בעוויעזען ביים ירדן און מיר פערשטעהען יעצט אז דו בינסטווירקליך גאטט׳ס א זוהן און דארום בעטען מיר דיר דו זאלסט קומען צו אונז, ווארום מיר ווארטען זעהר אויף דיר און מיר וואלטען גערן וועללען זעהן דיין הייליגען פנים. זאי אונז מוהל וואס מיר האבען ביז הער געזינדיגט געגען דיר און האבען ניט געוואלט אנערקענען דיין הייליגקייט. מיר בעטען דיר יעצט דו זאלסט אונז גליקליך מאכען און קומען אין אונזער שטאדט און דאס גלייבען האבען זיי איהם נאך פיעל זאכען געשריבען. אום ער זאלל וואס שנעללער צו זיי קומען צו חאפען זיין מפלה.

דער ממזר האט דורכגעלעזען דעם בריעף און האט אזש געטאנצט פאר פריידע. ער האט זיי אבער גלייך געענטפערט, אויב זיי זיינען צופריעדען דאס ניט נור דיא סנהדרין, זאנדערן אללע אידען פון ירושלים זאללען קומען איהם ענטקעגען זיך בוקענדיג פאר איהם וויא אונטערטהעניגע שקלאפען צו זייער הער, דאן וועט ער געהן צו זיי.

דיא חכמים האבען איהם געלאזט וויסען דאס זיי זיינען צופריעדען איהם ארויסצוגעהן אנטקעגען אין דעם ארט וואס ער וועט פיר זיי בעשטימען.

יהודה האט אבער גוט געוואוסט אז עס טייג ניט מיט דעם ממזר צו האבען עסקים וויא לאנג ער האט ביי זיך דעם שם המפורש, דארום האט ער בעשלאסען פריהער אוועקצוגעהן צו איהם און צוצונעהמען פון איהם דעם שם המפורש, זא דאס ער זאל בלייבען מאכטלאז און וועט ניט האבען מיט וואס צו קעמפפען געגען זיי.

יהודה איז דאן אוועק צום ממזר און האט זיך אנגעשלאסען אן זיין חברה, זיך פערשטעללענדיג פיר זיינעם א געהארכזאמען תלמיד. ווען עס איז געקומען אין מיטען דער נאכט און אללע זיינען געווען פערזונקען אין א טיעפען שלאף איז יהודה שטילערהייד צוגענאנגען צו ישו און האט ארויסגענומען פון זיין טאש דעם שם

המפורש, וואס ער האט געהאט אויפגעשריבען אויף א שטיקעל פארמעט; און האט אויך בעשווארען דעם מלאך וואס איז ממונה אויף דיא שכחה, דאס ער זאל מאכען אז דער ממזר זאל אויך פערגעסען דעם שם המפורש וואס ער האט אויסגעלערנט.

ישו איז דאן געווען אין גאנצען אין יהודה'ס הענד, וועלכער האט איהם געקענט טהאן וואס ער וויל און האט איהם זיכער געקענט טויטען אויפ'ן פלאטץ, יהודה האט דאס אבער ניט געוואלט טהאן איבער צוויי טעמים: ערשטענס, האט ער מורא געהאט אז אים פאל ווען ער זאל איהם טויטען, וועללען נאכהער דעם ממזר'ס תלמידים זאגען אויף מארגען אז זיין נשמה איז ארויף אין הימעל און צווייטענס האט ער ניט געוואלט הייבען אויף איהם א האנד ביז ער וועט ריכטיג אפגעמשפט ווערן פאר דיא סנהדרין נאך דעם דין פון דער תורה.

ווען ישו האט זיך אין דער פריה אויפגעכאפט און האט דערפיהלט אז דער שם המפורש איז צוגענומען געווארן פון איהם איז ער שיעור אומגעפאללען פון שרעק. ער האט אנגעפאנגען צו זוכען ביי זיך אין אללע טאשען און האט אבער גאר נישט געפונען. ער האט גלייך געשפיערט אז זיין גאנצע מאכט איז פערשוואונדען און האט גענומען זוכען פלענער וויא אזוי איהר צוריק צו בעקומען. ער האט ערקלעהרט פאר זיינע תלמידים, דאס מען האט איהם אנגעזאגט פון הימעל אז גאטט וויל איהם צונעהמען צו זיך און איידער ער שיידעט זיך אפ פון דער ערד וויל ער פריהער געהן אין ירושלים, וואו ער וועט זיין איבער פסח און האט זיי פערשפראכען דאס פון צייט צו צייט וועט ער דאך אראפקומען צו זיי, זעהן וואס זיי מאכען.

ער האט אבער געמיינט דערמיט נור צו קריגען א געלעגענהייט צו קומען אין ירושלים און דארט שטיללערהייט זיך ווייטער אריינגנב'ענען אין בית המקדש און ארויסנעהמען פון דארטען דעם שם המפורש, אום ער זאל בעקומען צוריק זיין פערלאהרענע מאכט.

זיינע תלמידים האבען גענומען בעטען ביי איהם, „שטייטש, וויא האסטו דאס אזא הארץ אונז צו פערלאזען און וואס וועט פון אונז ווערן ווען דו וועסט אונז איבערלאזען אליין אויף דער זינדיגער ערד וויא א סטאדע שעפסען אהן א פיהרער". ישו האט זיי געטרייסט, אז דערפאר וועט ער זיי אויך ארויפנעהמען אין הימעל און זיי אללעמען אויסזעטצען נעבען זיין רעכטע האנד, ניט ווייט פון גאטט, וועלכער איז זיין לייבליכער פאטער. ער האט זיי געוויזען דעם בריעף וואס ער האט ערהאלטען פון ירושלים און האט אללעמען געהייסען זיך אנטהאן אין זייערע ווייסע קליידער און אריבערדעקען זייערע קעפ און מיטגעהן מיט איהם אין ירושלים פון וואנען ער וועט אפרייזען גלייך צו גאטט.

דער ממזר האָט פֿאַרשטאַנען אַז אָהן דעם שם המפורש איז ער איין אויסגעשפּיעלטער און וועט מעהר ניט קענען בעטרייבען דעם שווינדעל וויא ביז יעצט אוּן האָט אויך געוואוסט אַז ער איז אין גרויס געפאַהר ביי דיא קלענסטע געלעגענהייט אריינצופאַללען אין דיא הענד פון זיינע פערפאָלגער און האָט דארום אָנגעזאָגט זיינע תּלמידים אַז ער וועט ארויף אין הימעל. ער האָט זיי געהייסען זיך אויסריכטען אין וועג און האָט זיי אָנגעזאָגט אַז אויב דיא אידען פון ירושלים וועללען ביי זיי פרעגען וואָרום זיי געהען פערדעקט דיא קעפּ, זאָללען זיי ענטפערן אַז דאָס איז וויל זייער רבי איז אַ געטטליכער מאַנן און זיי טהאָרען דארום אויף איהם ניט קוקען איממער, אום ניט מחלל צו זיין זיין הייליגקייט. זיי זיינען דאַן אַללע ארויס אין וועג קיין ירושלים און יהודה איז מיטגעגאַנגען מיט זיי.

געהענדיג האָט ישו געפרעגט ביי זיינע תּלמידים, ווער פון זיי עס וועט וועללען געהן צום ערשטען און אָפּהיטען אַללעמען דאָס עס זאָל קיין זאַך ניט פּאַסירען און קיין אונגליק זאָל זיי אין וועג ניט טרעפען און יהודה, וועלכער איז געוועזן פערשטעלט פיר זיינעם אַ תּלמיד האָט זיך אויסגערופען אַז ער וועט געהן צום ערשטען און וועט שוין אַללעס פאָרבערייטען פאַר זיי. יהודה איז שנעל געקומען אין ירושלים און האָט אָנגעזאָגט אַללעמען אַז דער ממזר מיט זיין חברה קומען אָן. ער האָט זיי דערצעהלט אַז זיי געהען אַללע מיט פערדעקטע פּנים׳ער און צעהלען איין ערך פון צוויי טויזענד פערזאָן.

יהודה האָט דאַן אָפּגערעדט מיט רבי שמעון בן שטח אַז גלייך וויא ישו מיט זיינע תּלמידים וועללען אָנקומען אין שטאָדט, וועט ער, יהודה, זיי געהן אַנטקעגען און פאַלען קוסען דעם ממזר און דערמיט וועט ער זיי געבען דעם צייכען אונטער וואָס פאַר אַ ווייסע קאַפּאָטע דער ממזר שטעקט. דיא חכמים האָבען אויך אָנגענרייט גענוג חיל, דאָס אים פאַלל עס וועט אויסברעכען אַ געשלעג ווען ישו וועט געחאַפּט ווערן, זאָללען זיי האָבען גענוג מאַכט מיט זיך אַללעס צו ברייננען אין אָרדנונג און אראָפּצוראַמען פון וועג דעם ממזר מיט זיינע פערפיהרטע תּלמידים.

אויף מאָרגען איז ישו מיט זיינע צוויי טויזענד תּלמידים אָנגעקומען אין ירושלים. יהודה איז זיי גלייך ארויס אַנטקעגען. ער איז צוגעגאַנגען צום ממזר און געפאַללען פאַר איהם אויף דיא קניע און האָט זיך געבוקט צו איהם בעטענדיג ער זאָל לאָזען געהן זיינע תּלמידים אַליין און אוועקגעהן מיט איהם דורך אַ זייטיגע וועג, וואָרום ער האָט מיט איהם צו ריידען וועגען אַ זעהר וויכטיגען סוד. ישו האָט איהם געפאָלגט און איז אוועקגעגאַנגען מיט איהם. יהודה האָט איהם דאַן אריינגעפיהרט אין זעהר איין ענגען פּלאַטץ, וואו פּיעלע ירושלים׳ער איו׳ען זיינען געשטאַנען בעוואַפּענט און

האבען שוין געווארט אויף דעם ממזר איהם מקבל פנים צו זיין וויא ער פערדיענט.

יהודה האט דעם ממזר פלוצלונג ארומגענומען און איהם אנגעהויבען צו קושען, געבענדיג דערמיט א צייכען דיא אידען אז דאס איז דער טהייערער תכשיט. אין א מינוט ארום איז שוין ישו געווען פעסט אין דיא הענד פון דיא יעניגע, געגען וועלכע ער האט געטריעבען זיינע שווינדעל. ווען זיינע תלמידים האבען דערהערט דערפון האבען זיי צעריסען זייערע קליידער און זיינען געבליבען זעהר נידערשלאגען.

ר׳ שמעון בן שטח און זיינע חברים זיינען דאן ארויס אין דיא גאסען פון שטאדט און האבען אויסגערופען איבעראלל, אז וואו מען וועט זעהן א מאן אנגעטהאן אין ווייסע ליינוואנטענע קליידער זאל מען איהם טויטען און ווער עס וויל קריגען דעם שכר פון פנחס זאל העלפען זיך נוקם זיין אן דעם ממזר מיט זיינע תלמידים, ביז עס וועט פון זיי קיין זכר ניט בלייבען. ווען ישו׳ס תלמידים תאבען דאס דערהערט איז דער טויט שרעק אויף זיי אנגעפאללען און זיי האבען גענומען זיך צולויפען אין דיא בערג. דיא אידען האבען זיי אבער נאכגעיאגט און האבען פיעלע פון זיי אויסגעשאכטען און פון דיא אידען איז דאן אפילו איינער אויך ניט געפאללען.

מען האט דאן גענומען ישו׳ן און איהם אנגעבונדען אן א שטיינערנעם סלופ אין מיטען שטאדט און מען האט איהם דארטען געגעבען קלעפ וויפיעל אין איהם איז אריין.

אויפ׳ן קאפ האט מען איהם אנגעטהאן א קרוין פון שפיציגע דערנער. מען האט איהם געהייסען ער זאל חרטה האבען אויף אללעס וואס ער האט ביז יעצט געטהאן און זאל טהאן תשובה, ער האט זיך אבער ניט געוואלט אונטערגעבען און האט געטוענה׳ט אז זיין בלוט ווערט פערגאסען פיר אללעמענס זינד.

דיא סנהדרין האבען איהם גענומען צום משפט און האבען געקלעהרט וואס פאר א שטראף איהם צו געבען. ר׳ יהודה האט געראטהען דאס מען זאל איהם ניט טויטען, נור מען זאל איהם פערשליסען אין א תפיסה וואו ער זאל מוזען טהאן אללערהאנד שווערע ארבייט, וויא האקען האלץ און טראגען וואסער, ביז עס וועט קומען א צייט און וועט חרטה האבען אויף זיינע זינד און דאן וועט ער אליין ערקלעהרען פאר אללעמען אז ער האט פריהער בעשווינדעלט דיא וועלט מיט זיינע ליגענס און פאלשקייטען און אים פאלל ער וועט זיך ניט מודה זיין וועט ער דאך סאי וויא סאי אמאל שטארבען און וועט דערמיט פערשפארען איהם צו טויטען. דיא סנהדרין האבען אבער דיזען מאל זיין עצה ניט געפאלגט, ווארום זיי האבען ניט געוואלט מבטל מאכען דעם דין פון דער תורה וואס פסק׳ט צו אזעלכע פערברעכער מיט סקילה (פערשטיינען) און האבען דעריבער אפגעמשפט ער זאל פערשטיינט

חשן און נאכהער אויפגעהאנגען ווערן, אזוי וויא דער דין איז.

דיעזער טאג איז געוועזן פרייטאג, ערב שבת און ערב פסח. מען האט איהם אוועקגעפיהרט אין בית הסקילה און מען האט איהם דארטען פערשטיינט. נאכהער האט מען איהם אוועקגעשלעפט אין ר׳ יהודה׳ס גארטען וואו ר׳ יהודה האט געהאט אנגעגרייט א תליה פאר איהם, אויף וועלבע מען האט אויפגעהאנגען זיין טויטען קעקפער. א טיעפע גרוב האט מען נאכהער אויסגעגראבען נעבען דער תליה און דעם ממזר׳ס טויטען קערפער האט מען פערשאטען אין דיעזע גרוב, וועלכע מען האט געדיינקט, וועט שוין פערבלייבען זיין לעצטען קבר.

אין דיא זעלבע נאכט האבען זיך צוזאמענגעקליבען דיא איבערגעבליבענע ישו׳ס תלמידים אויף זיין קבר און האבען זעהר פיעל געוויינט. ווען יהודה האט דאס דער הערט האט ער מורא געהאט טאמער וועללען זייא ארויסנעהנען דעם טויטען ממזר פון דר׳ערד און זייא וועללען נאכהער אללעמען זאגען דאס ער איז ארויף אויפ׳ן הימעל, האט ער זיך דארום ווייטער אנגעטהאן אין זיינע ווייטע קליידער און ארויסגעגאנגען צו זייא און האט אויך כלאמר׳שט געוויינט איבער דעם קבר. אבער גלייך וויא זייא זיינען אוועקגעגאנגען האט יהודה גענומען און אויסגעגראבען צוריק דעם טויטען פון דר׳ערד און האט איהם בעגראבען אין איין אנדער ווינקעל פון זיין גארטען און פון אויבען האט ער ארויפגעלאזען וואסער פון א גרויסע גרוב וואס האט זיך ניט ווייט געפונען, זא דאס עס איז יעצט געוועזן אונמעגליך צו דערקענען דעם פלאטץ וואו דער ממזר איז בעגראבען.

אויף דיא צווייטע נאכט זיינען ווידער געקומען ישו׳ס תלמידים אין יהודה׳ס גארטען צו וויינען אויף זיין קבר און האבען איהם מעהר אין קבר ניט געפונען אויף מארגען זיינען זייא אוועק אללע צו דיא קעניגין הילנא און דערצעהלט פאר איהר אז ישו איז פערשוואונדען געווארן פון זיין קבר און דאס איז א בעוויז אז ער איז ארויף אויפ׳ן הימעל, וויא ער האט זייא אללעמען פריהער פאראויס געזאגט און דעריבער האבען דאך דיא אידען אומזאנסט פערגאסען זיין בלוט.

דיא קעניגין האט דאן געלאזט רופען דיא חכמים און אללע לייט פון ירושלים און האט זייא געזאגט:

— איהר זעהט, איך האב אייך דאך געזאגט אז ישו איז א צדיק און א הייליגער און געטליכער מאן און יעצט קען מען דאך זעהן אז ער איז ווירקליך אריין אין הימעל און דארום, אויב איהר וועט איהם ניט בריינגען צו מיר אין פערלויף פון דרייא טעג, אום צו איבערציינגען אז איהר האט געהאנדעלט רעכט דערמיט, וואס איהר האט איהם געהרג׳עט און אז ער איז ניט ארויף אין הימעל, דאן זאלט איהר

וויסען, אז עס וועט נים בלייבען פון אייך א געדעכעניס אין ירושלים.

די חכמים זיינען אוועק פון דער קעניגין זעהר ערשראָקען און האָבען נים געוואוסט וואָס צו טהאָן.

ר׳ יהודה איז דאַן גראָדע אוועק פון שטאָדט און זייא האָבען אפילו נים געהאט מיט וועמען זיך צו בעראַטהען, וואָרום קיינער פון זייא האָט ווירקליך נים געוואוסט וואו דער טויטער קערפּער איז אהין געקומען. די צייט איז געוועזן זעהר א קריטישע פאַר אללע אידען און די חכמים האָבען דארום גוזר געוועזן דאָס אללע זאָללען די דרייא טעג פאַסטען.

אויף דעם דריטען טאָג איז רב תנחומא, וועלכער איז שוין געוועזן דאַן איין אלטער מאַן, ארויסגעגאַנגען פון שטאָדט אום זיך צו רעטטען פון דער מהומה, וואָס מען האָט ערוואַרטעט עס זאָל אויסברעכען אם ענדע פון די בעשטימטע דרייא טעג. ווען ער איז אזוי געגאַנגען אויסען שטאָדט מיט זיין משרת, האָט איהם דער משרת געזאָגט אז ער זעהט פון ווייטען רב יהודה, זיצענדיג אויף א באַרג און עסענדיג מצה. זייא זיינען גלייך אוועק צום אָרט וואו דער משרת האָט איהם בעמערקט און האָבען אויסגעפונען אז דאָס איז ווירקליך געוועזן ר׳ יהודה. ווען ר׳ יהודה האָט דערזעהן ר׳ תנחומא געהענדיג צו איהם איז ער איהם געלאָפען ענטקעגען מיט דעם געשרייא „וואָס מאַכסטו מיין רבי“.

ר׳ תנחומא האָט איהם אָפּגעבען שלום און איהם געפרעגט: „בינסטו דאָס דער זעלבער יהודה, מיט וועמען אלע אידען בענשען זיך? — און היינט, ווען אפילו קליינע קינדער, וואָס זויגען נאָך זייער מוטטערס ברוסט, פאַסטען, זיצט דוא זיך נאָר גאַנץ רוהיג און עסט מצה?!

— וואָס איז דען היינט פאַר א תענית? — האָט איהם יהודה פערוואונדערט געפרעגט.

— סטייטס, ווייסטו דען נים וואָס עס טהוט זיך יעצט אָפּ אין ירושלים און אין אללע שטעדט פון יהודה? — ווייסטו דען נים פון דעם וואָס דעם ממזר׳ס תלמידים האָבען אָנגערעדט פאַר דער קיניגין אויף די אידען און וואָס פאַר א בעפעהל די קעניגין האָט ארויסגעגעבען? און איך אַליין אנטלויף יעצט פון שטאָדט אום איך זאָל אויף מיינע עלטערע יאָהרען נים דאַרפען אריינפאַללען אין די רשעים׳שע הענד. — רב תנחומא האָט איהם ווייטער דערצעהלט פון אללעס וואָס האָט אין די לעצטע צוויא טעג פאַסירט אין ירושלים.

יהודה איז אָנפאַנג שטאַרק דערשראָקען געוואָרען פון רב תנחומא׳ס ערצעהלונג, אָבער שפּעטער, ווען ער האָט ערפאַהרען, אז די גאַנצע זאַך בעשטעהט נור אין

רעם דאָס מען זאָל ברייננגען דעם ממזר׳ס פּגר צו דער קעניגין, איז ער געוואָרן צוריק רוהיג און האָט זיך אָפּגערופען צו רב תנחומא.

— און וואָס וועט זיין אז איך וועל ברייננגען דעם ממזר׳ס נבלה צו דיא קעניגין ?

— דאַן וועט זיין פריעדען אויף אַללע אידען—האָט איהם תנחומא מיט פריידע געענטפערט.

— גוט—האָט ר׳ יהודה געזאָגט — דער טויטער איז אין מיינע הענד און איך וועל שוין דאָס אַללעס בעזאָרגען.

רב יהודה האָט זיך דאַן צוריקגעקעהרט אין ירושלים. ער איז אוועק אין זיין גאָרטען און האָט אַרויסגעגראָבען דעם פּגר פון דר׳ערד און האָט דעם ממזר׳ס האָאָר פון קאָפּ אָנגעבונדען אָן דעם עק פון אַ פערד און האָט איהם אַזוי דורכגעשלעפּט אַלע גאַסען ביז ער האָט איהם געבראַכט צו דיא קעניגין׳ס פּאַלאַסט. אויף דיא גאַנצע וועג וויא ער האָט איהם אַזוי געשלעפּט דורכ׳ן שטאָדט איז איינער געגאַנגען פאָר־אויס און האָט אויסגערופען „ווער עס גלויבט אין גאָט זאָל קומען אהער און אָנקוקען דעם ממזר ישו און וואָס עס איז געוואָרען פון איהם” און טויזענדע מענשען זיינען נאָכגעלאָפען נאָכ׳ן פּגר, איהם זידלענדיג, ווארפענדיג אויף איהם מיט שטיינער און שפּייענדיג איהם אין פּנים אַריין. ווען מען האָט דיא נבלה צוגעשלעפּט צום פּאַלאַסט און אוועקגעלייגט בייא דער קעניגין׳ס פענסטער, איז יהודה אַריין צו דיא קעניגין און האָט אויסגערופען צו איהר:

— קעניגין, נאָך וועמען האָסטו זיך דאָס נאָכגעיאָגט, נאָך אַ מיאוס׳ען פּגר, נאָך אַ געפּגר׳טען הונד און צוליעב דיעזע נבלה האָסטו דאָס געוואָלט אומברייננגען דעם אידישען שטאָלץ ? אָט האָבען מיר דיר דאָ געבראַכט דיא נבלה פון דיין קרוב, וועלכען דוא האָסט אַזוי שטרענג געפאָדערט פון אונז און צוליעב וועלכען דוא האָסט געוואָלט פעראונגליקען אונזער גאַנצע פאָלק. געדיינק דאָס, קעניגין און נעהם זיך גוט צום הארצען דאָס וואָס דוא האָסט געוואָלט טהאָן!

דיא קעניגין האָט פערשטאַנען וויא מיאוס זיא האָט דאָ געהאַנדעלט און האָט זאָגאר זיך ניט געקענט פערענטפערען פיר איהם פון גרויס שאַנדע. זיא האָט גלייך גערופען דיא סנהדרין און האָט זעהר פיעל געוויינט פאַר זייא און געבעטען:

ענטשולדיגט מיר וואָס איך האָב אַזוי שווער געזינדיגט געגען גאָטט און געגען אַלע אידען, דורך דעם ממזר. איך בין ניט אין גאַנצען שולדיג אין דעם וואָרום דיא רשעים, דעם ממזר׳ס תלמידים, האָבען מיר דערצו אָנגערעדט און דאַרום בעט איך אייך איהר זאָלט מיר מוחל זיין און ניט מאַכען אַ בונט געגען מיר.

דיא סנהדרין האָבען איהר געענטפערט אז זייא זיינען איהר מוחל איהר פערזעהן, און דיינקען גאָר ניט אָן איהר ווידערצושפעניגען, וואָרום זייא אָנערקענען איהר אַלס דיא געזעטצליכע קעניגין. זייא האָבען גאָר געבעטען בייא איהר זיא זאָל זייא געבען ערלויבניס זיך נוקם צו זיין אָן זייערע פיינד, דיא פערבליבענע תלמידים פון דעם פערשטויגטען ממזר. דיא קעניגין האָט זייא דאָס ערלויבט און דיא אידען האָבען זיך גענומען פעסט צו דיא באַנדיטען און האָבען זייא אויסגעשלאַכטעט ביז איינעם.

נאָך דיעזען סוף וואָס דיא אידען האָבען געמאַכט פון ישו פאַנדרי מיט זיינע תלמידים איז דיא לאַנד געבליבען שטיל און רוהיג גאַנצע פינף און פופציג יאָהר און קיינער האָט מעהר ניט דערמאָהנט אפילו א וואָרט פון דעם ממזר מיט זיינע מעשים תעתועים, ביז דיא געשיכטע האָט אָנגעהויבען כמעט אין גאַנצען פערגעסען צו ווערן.

אַם ענדע פון דיא זעקס און פופציג יאָהר זיינען אויפגעשטאַנען צוועלף מענשען און האָבען ווייטער אָנגעהויבען אויפצובלאָזען דעם געפעהרליכען פייער וואָס דער ממזר ישו הנוצרי, האָט אַמאָל אָנגעצונדען און וועלכער איז שוין געווען באַלד אין גאַנצען פערלאָשען. דיא צוועלף מענשען זיינען געווען זעהר גרויסע לומדים און גרויסע חכמים. זייא זיינען אָבער געווען זעהר אויסגעלאַסען און זיינען אויפגעשטאַנען געגען תורת משה. זייא האָבען אַללע ארויסגעשטאַמט פון דיא גרעסטע און אָנגעזעהענסטע משפחות און האָבען דערום געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף דעם המון. זייא האָבען זיך צוטהיילט אויף צוועלף מחנות און האָבען איבעראַלל גענומען בעקאַנט מאַכען דעם עולם מיט ישו פאַנדרי'ס נסים און דערצעהלען דאַביי דעם פינסטערן סוף וואָס ער האָט געהאַפט פון דיא אידען, מאַכענדיג איהם דערמיט אין דיא אויגען פון דעם לייכטגלויביגען המון פיר א מאַרטירער, וועלכער האָט געלאָזט פערגיסען זיין בלוט פאַר דיא נייע תורה וואָס ער האָט געפרעדיגט. פון אַלע עקען קאַנטען פון ארץ ישראל און ארומיגע לענדער האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו ציהען קאָמפּאַניעס מענשען פון דיא ניעדעריגערע קלאַסען צו דיעזע צוועלף פרעדיגער, וועלכע זיינען וויא מען האָט איבעראַלל ארויסגעלאָזען א קלאַנג—אראָפּגעשיקט געוואָרען פון גאָט אויף דיעזער זינדיגער ערד צו פערשפרייטען דעם ממזר'ס לעהרע און אויפצומאָהנען זיין קריוודע.

דיא צוועלף מחנות האָבען זיך צושפרייט איבער דאָס גאַנצע לאַנד און האָבען דורך געלד און דורך שקרים (אזוי וויא דיא יעצטיגע מיססיאָנערען) צוגעצויגען זעהר פיעל מענשען און האָבען דערמיט פעראורזאַכט א גרויסען אונגליק פיר דיא גאַנצע יודישע נאַציאָן. טויזענדע מענשען זיינען אָפּגעשטאַנען פון דעם אידישען גלויבען און תורת משה און האָבען אָנגענומען דיא וויסטע לעהרע וואָס דער ממזר האָט איבער־

געלאָזען. אין אללע ווינקעלאך פון לאנד האָבען דיעזע צוועלף פרעדיגער געגרייכט און פערוואָרפען זייער גיפט. זייא האָבען איבעראַלל מיט פערשיעדענע שקרים און פאַלשקייטען געזעהן איינצופלאַנצען דעם גלויבען, אז ישו פאַנדרי איז געווען א הייר־לינער מאַן, אז ער איז געווען גאָטט׳ס א זוהן און זיין מוטטער איז נאָך פערבליבען א אונשולדיגע בתולה נאכדעם וויא זיא האָט דורך א הייליגען גייסט איהם געבאָרן. זייא האָבען אָנגעווענדעט דערצו פערשיעדענע מיטלען, אונטער וועלכע געלד האָט געשפּיעלט א גרויסע ראָליע, וואָרום דיא אללע צוועלף זיינען געווען גרויסע גבירים און האָבען ניט געזאַלעוועט זייער געלד אום אויסצוהאָדעווען א מעכטיגען פיינד געגען יודענטהום. פיעלע אידען זיינען דאַן פערפיהרט געוואָרען פון דיעזע פאַלשע נביאים וועלכע האָבען איבעראַלל געפּרעדיגט נייע דינים און געזעטצע. זייא האָבען מבטל געמאַכט פיעלע מצות, אויף וואָס דער דין האָט געזאָגט טמא האָבען זייא געמאַכט טהור, האָבען פערדרעהט פיעלע דינים פון דער תורה, זייא האָבען מתיר געמאַכט נדות און אשת איש, וועיל ישו פאַנדרי האָט שוין מכפּר געווען אויף אללעס דערמיט וואָס ער איז אויס געשטאַנען דעם נאמען „ממזר בן הנדה“, זייא האָבען געזאָגט דאָס מען דאַרף ניט מל זיין קינדער, וועיל ישו האָט שוין אויף זייא מכפּר געווען מיט זיין בלוט וואָס ער האָט געלאָזט פערגיסען פיר זיינע אידען.

טאָג טעגליך פלעגען זייא אַרויסגעהן איבער דיא גאַסען פון שטאָדט און אויס־רופען „ווער עס גלויבט אין ישו זאָל קומען צו אונז“ און טויזענדע מענשען פלעגען זיך יעדען טאָג אנשליסען אָן זייערע תלמידים און האָבען צוזאמען געבילדעט איין אונגעהייער גרויסע אַרמעע ווילדע פאַנאַטיקער, וועלכע זיינען געווען נאָך פיעל גע־פעהרליכער וויא דער שטאַרקסטער חיל פון א פיינדליכע מלוכה. דיא פרעדיגער פלעגען אויפפאָדערן זייערע מחנות תלמידים צו נעהמען נקמה פאַר דעם ממזר׳ס בלוט וואָס איז פערגאָסען געוואָרען דורך אידישע הענד. דיא אידען זיינען דאַדורך געווען אין גרויס געפאַהר און האָבען ניט געקענט דורכגעהן א גאַס ניט ריזיקירענדיג מיט זייער לעבען. יעדען טאָג פלעגט פאָרקומען פיעלע געשלעגען צווישען דיא פער־פיהרטע פאַנאַטיקער און צווישען דיא אידען און פון ביידע זייטען פלעגען פאַללען פיעל טויטע. אז א איד זאָל דורכגעהן זיכער א גאַס און ניט בעפאַללען ווערן פון דיא באַנדיטען איז דאַן געווען א זעלטענהייט. ווען ער פלעגט שוין שפּיעלען מיט גליק און ניט פאַללען א טויטער אונטער דיא הענד פון דיא נוצרים, פלעגט ער דאָך אימּמער קריגען געשלאָגען פון זייא. דאָס איז גראָדע געווען אין א צייט וואָס בע־שטימטע הערשער איז ניט געווען וואָס זאָל האַלטען דעם המון אין אָרדנונג און דאַרום האָבען ישו פאַנדר׳ס תלמידים און נאָכפאָלגער געוועלטיגט מיט דיא גרעסטע

חילדקייט וואס עס האט זיך נור נעקענט געפינען אין דעם דאמאלסדיגען אונציווי־ליזירטען מענשהייט.

דיא אידען האבען געזעהן אין וואס פיר איין אונגליק זייא געפינען זיך און זייא זיינען דארום געקומען אין בית המקדש און האבען אויסגעוויינט פאר גאטט זייער ביטערע הארץ, וויא לאנג נאך ועט פערגאסען וערן זייער בלוט צוליעב דעם ממזר ישו פאנדרי און וויא לאנג נאך וועללען זייא מוזען ליידען צוליעב דעם וואס זייא האבען נעפאלגט דעם דין פון דער תורה הקדושה און האבען אומגעבראכט דעם ממזר, וואס האט פערשפרייט גאטט לעסטערונג אונטער דאס פאלק.

נור אזוי וויא אין יעדער צייט ווען אידען זיינען געווען אין נויטה האט זיך געפונען א גרויכער מאן וואס האט זייא איממער געהאלפען אין זייער אונגליק, אזוי האט זיך יעצט אויך געפונען א גרויסער און קלוגער מאן, ר׳ שמעון בן קיפר, וועלכען גאט האט אריינגעגעבען א גוטען געדאנקען וויא אזוי צו רעטטען דיא אידען פון דיא ווילדע נוצרים.

ר׳ שמעון בן קיפר האט נעמליך געגעבען א פלאן וויא אזוי אפצוטהיילען דיא מחנה נוצרים פון דיא אידען, דאס זייא זאללען זיין אפגעזונדערט פון דיא אנדערע און דערפון גופא וועט שוין דיא שנאה פון ישו׳ס תלמידים צו דיא אידען אבגעקיהלט וערן. דיא אידען האבען אויסגעהערט זיין פלאן און זייא האבען זיך זעהר געפרעהט מיט זיין גוטען איינפאלל און האבען איהם מיט׳ן גאנצען הארצען געוואונשען ער זאל מצליח זיין אין זיין אונטערנעהמונג.

ר׳ שמעון איז אוועק אין בית המקדש וואו ער האט אויסגעלערנט דעם שם המפורש. נאכהער איז ער געקומען צו דיא סנהדרין, וועלכע האבען איהם געבענשט און געטהאן תפילה פיר איהם און האבען איהם איבערגעגעבען דעם שם המפורש, ער זאל איהם געברויכען אפצוטהייל‌ען דיא נוצרים פון דיא אידען, דאס זייא זאללען קיינע שייכות האבען איינע צו דיא אנדערע.

ר׳ שמעון איז דאן געקומען צו דיא מיט־אפאליטען פון דיא נוצרים (וויא זייא האבען זיך גערופען) און האט פאר זייא אויסגערופען אין דער הויך „ווער עס גלויבט אין ישו זאל קומען צו מיר, ווארום איך בין זיין שליח.“

אללע זיינען געקומען צו איהם און האבען איהם געבעטען ער זאל זייא געבען א צייכען אז ער איז ווירקליך געשיקט געווארען פון זייער רבי, ישו.

— וואס פאר א צייכען זאלל איך פאר אייך געבען — האט זייא ר׳ שמעון געפרעגט.

— בעוויז פיר אונז דיא זעלבע וואונדער וואס ישו האט בעוויזען ווען ער

האָט געלעבט אין הייל אוים א קרעטציגען און מאך לעבענדיג א טויטען פונקט וויא ער האָט געטהאָן—האָבען איהם אללע געענטפערט.

— גוט, האָט ר' שמעון געזאָגט—איך וועל דאָס טהאָן.

מען האָט גלייך געבראכט צו איהם א קרעטציגען. ער האָט ארויפגעלייגט אויף איהם זיין האַנד און האָט דערמאָהנט דעם שם המפורש און דער קראַנקער איז באַלד געזונד געוואָרן.

גלייך וויא אללע האָבען דאָס געזעהן זיינען זייא געפאללען פאַר איהם און מודה געוועזן אז עס איז אמת וואָס ער זאָגט און אז ער איז ווירקליך א שליח פון ישו.

ר' שמעון איז דאַן צוגעגאַנגען נעבען א מויער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט אויסגערופען צו זייא: „קומט אהער אללע צו מיר און הערט אוים וואָס ישו האָט אייך אָנגעזאָגט דורך מיר זיין שליח" אללע זיינען געקומען צו איהם און האָבען געוואַרט אויף דאָס וואָס ער וועט זאָגען.

פלוצלונג איז ארויסגעשפרונגען איינער פון המון, וועלכער איז פריהער געוועזן אין ירושלים און האָט געוואוסט פון דעם פלאַן וואָס ר' שמעון האָט געמאַכט אָפּצונאַררען דיא נוצים און האָט אויסגעשריען אין דער הויך: — „הערט ניט און פאָלגט ניט דעם מאַנן, וואָס זאָגט אייך אז ער איז ישו'ס א שליח, עס איז ליגען, וואָרום איך האָב אליין געהערט וויא ער האָט דאָס אָפּגעמאַכט מיט דיא סנהדרין, אייך אָפּצונאַררען און אללעס וואָס ער וועט אייך הייסען טהאָן איז מעהר ניט פיר דיא אידענס טובה און ער וויל אייך צו ריידען אז איהר זאָלט האַלטען דיא אידען.

— הערט, איהר נוצרים—האָט זיך ר' שמעון אָפּגערופען. אויב יענער מאַנן זאָגט אמת, זאָל אראָפּפאַלען א ציעגעל פון דיעזען מויער אויף מיר און מיר הרג'ענען, דערפאַר וואָס איך זאָג ליגען; און אויב איך זאָג אמת און מיין מיט מיינע רייד קיין פאַלשקייט ניט, דאַן זאָל אראָפּפאַללען א ציעגעל און טויטען דיעזען מענשען, וואָס האָט גערעדט שלעכטעס אויף א צדיק.

ר' שמעון האָט דערמאָהנט דעם שם און א ציעגעל איז גלייך אראָפּגעפאַללען פון מויער אויף דעם מאַנן און האָט איהם צושפּאָלטען דעם קאָפּ און ארויסגעריסען זיין מארך. דער מאַנן איז גלייך געפאַללען אויף דער ערד און איז געשטאָרבען. ווען דיא נוצרים האָבען דאָס דערזעהן זיינען זייא שטאַרק דערשראָקען געוואָרן און האָבען געוואָלט אַנטלויפען. ר' שמעון האָט זייא אָבער איינגעהאַלטען מיט דיא ווערטער:

— האָט קיין מורא ניט, איהר מענשען, וואָרום ישו איז מיט אונז און ישו האָט דערהרג'עט דיעזען מאַנן, וועלכער האָט געהאַט דיא העזה צו ריידען געגען מיר, איהר דאַרפט קיין מורא ניט האָבען ווען איהר וועט ניט צווייפלען אז איך בין ישו'ס

שליח. דיא נוצרים האָבען דאַן אַללע אויסגעשריען אין איין קול: „ישו איז אמת און זיין שליח איז אמת!"

ר' שמעון האָט זייא געהייסען שווערען בייא ישו'ס נאמען אז זייא וועלען איהם פאָלגען וואָס ער וועט זייא הייסען און וועלען ריכטיג אָפּהיטען אלעס וואָס ער וועט זייא אָנזאָגען. ער האָט אויסגערופען צו זייא מיט אַ הויכע, שטארקע שטימע: איהר זאָלט זיך היטען ניט אָפּצוטרעטען פון דעם וועג וואָס איך וויז אָן פאר אייך. אַלעס וואָס איך זאָג אייך אָן זאָללט איהר איבערגעבען צו אייערע קינדער און קינד קינדער און איהר זאָלט אַכטונג געבען איינער אויף דעם צווייטען דאָס אַללע דינים וואָס איך וועל פאַר אייך געבען זאָללען אָפּגעהיט ווערן. ישו האָט אייך פריהער אַראָפּגעשיקט צוועלף שלוחים, וועלכע האָבען אייך געלערנט צו פערשטעהן זיין תורה. און איהר זאָלט אַללע גלויבען אין דיעזע תורה, דאַן וועט זיין וואויל צו אייך און אייער שכר אויף יענער וועלט וועט זיין אַ גרויסער. אויך ווען איהר וועט פאָלגען וואָס איך זאָג אייך אָן, וועט צו אייך געהערן דיא עולם הבא. און דיא עולם הזה איז אַוועקגעגעבען געוואָרן פיר דיא אידען, וואָרום דיעזע וועלט איז סאַי וויא סאַי גאָר נישט און דאָס קורצע לעבען איז גאָר נישט ווערט, איהר וועט אָבער האָבען אַ וועלט פון אונענדליכקייט, וואו דאָס לעבען דויערט עוויג. ישו האָט פערגאָסען זיין בלוט און האָט דערמיט מכפר געווען אויף אייך און האָט דאָס אַללעס מקבל באהבה געווען, דאַרפט איהר דעריבער אויך מקבל זיין באהבה און טהאָן וואָס ער פערלאַנגט פון אייך. און ישו פערלאַנגט פון אייך איהר זאָלט מאַכען אז דיא אידען זאָללען קיין עולם הבא ניט האָבען. ווען איהר וועט זייא לאָזען מעהר געניעסען פון דיעזע וועלט, וועלען זייא דערפאַר אַלץ וויינינגער האָבען פון יענער וועלט. און פערקעהרט, ווען איהר וועט פערשטערען דיא אידען דיא עולם הזה, וועללען זייא דערפאַר האָבען מעהר עולם הבא און דערפון וועט ישו האָבען גרו'ס צער. דארום האָט ער אייך אָנגעזאָגט, איהר זאָלט זעהן צו פערשאַפען דיא אידען וואָס מעהר עולם הזה, טהוט זייא טובות און ניט זייא אַללעס וואָס איהר קענט נאָר. זייט פיר זייא קנעכט און דיענט זייא מיט אַלעס וואָס. פיר אייך וועט נור מעגליך זיין. נעהמט אָן יסורים פון זייא מיט פערגניגענד און בעצאהלט זייא דערפאַר מיט ליעבע, וואָרום וועמען ישו האָט האָלט דעם שטראָפט ער אויף דער וועלט. ווען אַ איד וועט אייך געבען אַ פּאַטש אין איין באַק, דאַן שטעלט פיר איהם אויס דיא צווייטע. ווען ער וועט בעטען בייא אייך לייהען אַ דאָלּלאַר—לייהט איהם צווייא. ווען א איד וועט אייך שלאָגען—זאָלט איהר איהם ניט געבען צוריק. ווען איהר וועט איהם פערקויפען אַ סחורה, פערקויפט עס איהם ביללינ, כּדי ער זאָל קענען פערדיענען אָן אייך. ווען איהר וועט זעהן אז א איד טראָגט אויף

זיך א שווערע משא—זאָלט איהר איהם העלפען טראָגען. איהר זאָלט טהאָן פיר דעם אידען אללע שווערע ארבייט, וויא האָלץ האַקען און וואַסער טראָגען, איהר זאָלט איהם הייצען דעם אויווען, בויען פיר איהם הייזער און זאָלט דאָס אללעס אָננעהמען לרצון. דערפאַר וועט איהר אויף יענער וועלט בעקומען אייער שכר און דער איד וועט נאָך זיין טויט אראָפּ אין שאול תחתיות.

אויך האָט אייך ישו אָנגעזאָגט איהר זאָלט ניט האַלטען קיין פסח, איהר זאָלט נור פייערען דעם טאָג פון זיין טויט. אנשטאָט שבועות זאָלט איהר פייערען זיין געבורטסטאָג....

און דער גלייכען האָט ער זייא אָנגעזאָגט א סך אזעלכע דינים פון וועלכע עס זאָל ארויסקומען א טובה פיר אידען. ער האָט זייא געהייסען זייערע ימים טובים ניט מאַכען אין דיא זעלבע צייט מיט דיא אידישע, כדי דיא אידען זאָללען אום יום טוב האָבען זיך מיט וועמען צו פערשאַפען און נאָך פיעלע זאַכען האָט ער זייא אָנגעזאָגט, פון וועלכע זייא זאָללען קריינקען און האָבען קדחות אויף דער וועלט, כדי זייא זאָל־לען דיא בעסערע איבערלאָזען פאַר דיא אידען.

ר׳ שמעון האָט דערמיט ארויסגענומען פון זייער הארץ דיא שנאה צו אידען און האָט אָנגעזאָגט זייא זאָללען פאָלגען אללעס וואָס ער האָט זייא געהייסען.

דיא נוצרים האָבען איהם פערשפּראָכען אללעס צו טהאָן וויא ער האָט זייא אָנגעזאָגט און האָבען איהם געבעטען אז אויף יעדען יום טוב זאָלל ער קומען צו זייא און זייא זאָגען א ביסעל דרוש און מוסר, אום אויפצו־וועקען זייער הארץ צו עבודת ישקע פאַנדרי.

ר׳ שמעון האָט זייא דאָס אויך פערשפּראָכען און האָט געזאָגט אז ער וועט מאַכען א וויזיט צו זייא אללע מאָנאַט. און דערפאַר האָט ער געבעטען, זאָללען זייא אויסבויען פאַר איהם א גרויסען טהורעם אין רוים וואו ער וועט פערברייננגען מיט זיין זוהן און נאָך זיין טויט זאָל מען איהם מקבר זיין אין דעם זעלבען טהורעם. דערווייל האָבען איהם דיא נוצרים גנעגעבען אללעס וואָס ער האָט נעטהיג געהאַט און זייא האָבען אויסגעבויט פאַר איהם דעם טהורעם אין רוים, וואו ער האָט פער־בראַכט דיא לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען מיט זיין זוהן אליעזר לערנענדיג תורה.

זיין זוהן איז דאָס דער זעלבער ר׳ אליעזר ב״ר שמעון וואָס ווערט דערמאָהנט אין ש״ס. גאַנצע זעקס יאָהר איז ר׳ שמעון געזעסען אין דיעזען טהורעם, וואו ער האָט עהרליך געדיענט דעם גאָטט פון ישראל און האָט פערפאַסט זעהר פיעל פיוטים, וועלכע ער האָט אוועקגעשיקט דורך זיין זוהן קיין בבל.

דיא חכמים האָבען שפּעטער דיעזע פיוטים אריינגעשטעלט אין מחזור און מיר

זאָגען זייא יעצט יעדען יום טוב. אם ענדע פון זעקס יאָהר איז ר׳ שמעון געשטארבען און מען האָט איהם דאָרטען מקבר געווען, אזוי וויא ער האָט געהייסען. אויף דעם זעלבען פלאַטץ וואו ר׳ שמעון׳ס טהורעם איז געשטאַנען האָט מען שפּעטער אויס־געבויט דיא גרויסע „סאַנט פּעטערס קירכע“, וועלכע שטעהט נאָך אין רוים ביז היינטיגען טאָג.

נאָך דעם טויט פון ר׳ שמעון בין קיפּר איז אויפגעשטאַנען א מאַן מיט דעם נאָמען אליהו, אין וועלכען עס איז אריין א מין רוח שטות און האָט געוואָלט ניט אַנדערש רעפאָרמירען דעם קריסטליכען גלויבען.

ער איז אוועק אין רוים צו דיא נוצרים און האָט זייא געזאָגט אז ר׳ שמעון בין קיפּר האָט זייא אָפּגענאַרט און אז ישו האָט א י ה ם נאָר געשיקט צו זייא. ער האָט געזאָגט אז ישו האָט געהייסען אויך לערנען תורה און ווער עס וויל זיך מל זיין קען זיך מל זיין און ווען ער וויל דאָס ניט דאַרף ער זיך טובלען אין א וואסער. ער האָט זייא איבערגעגעבען דעם „צלם“ זייא זאָללען עס האַלטען פאר הייליג און האָט זייא געהייסען שבת האַלטען אם זאָנטאַג, ווייל אין דעם טאָג האָט גאָט בעשאַפען דעם הימעל און דיא ערד און נאָך פיעל געזעטצען האָט ער פאר זייא געמאַכט.

דיא נוצרים האָבען איהם געבעטען ער זאָל זייא געבען א צייכען אז ער איז ווירקליך געשיקט געוואָרען צו זייא פון ישו.

— וואָס פאַר א צייכען ווילט איהר? האָט ער זייא געפרעגט. און גלייך וויא ער האָט אויסגערעדט דיא ווערטער איז פון דערהויך אראָפּגעפאַללען אויף איהם א שטיין, וועלכער האָט איהם צושפּאַלטען דעם מוח און ער איז געשטאָרבען.

און דאָס איז דער וואָרצעל פון וואַנען עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסען דאָס מעכטיגע קריסטענטהום מיט אַללע איהרע צרות און שלעק.

וואָס האָט פעראורזאַכט אונזער נאַציאָן און דאָס איז דער קוואַל פון ביטערן גיפט, וועלכען מיר האַלטען אין טרינקען צייט דיא אידישע בתולה איז פארזעסען געוואָרען און האָט דיא גאַנצע וועלט מזכה געווען מיט א בן זקונים, וועלכער האָט פארפיהרט דיא וועלט מיט זיין נייע תורה און געלאָזען נאַכפאָלגער היפּאָקריטען צו פערפאָלגען אונז אום מקים צו זיין דיא ווערטער פון דיא פינסטערע מאָראַל און פראָפּעצייאונג, וואָס דער ישו האָט געפּרעדיגט אז ער ברייננט ניט אויף דער וועלט קיין פרידען, זאָנדערן „בלוט און שווערד“.

ע נ ד ע.

די ראמאנטישע געשיכטע

— פון —

ישו הנוצרי

פאררעדע פון איבערזעטצער.

אנטאניוס באסקו דער פערפאסער פון דעם בוך **Iudas Iscariotus** איז געוועזען גייסטליכער פון דער רוימיש־קאטאלישער קירכע. ווען ער איז אלט געווארען 54 יאהר, האט ער געזאגט: „וועה איז מיר! איך האב געלעבט אזוי לאנג אין א שרעקליכען אירטהום, אז איך שעהם זיך יעטצט פאר מיר אליין, וויסענדיג, דאס מיינע בעסטע יאהרען זיינען פערלעבט געווארען אין איין אבשייליכען שקר!“

באסקו האט געמיינט דערמיט דעם גלויבען אין ישו הנוצרי, אונד זייט דיעזער צייט, ביז צום ענדע פון זיין לעבען (ער האט געלעבט 71 יאהר,) האט ער ניט אויפגעהערט צו בעדויערן, ווארום ער האט פריהער ניט אנערקענט, אז ער איז אין אירטהום. דיא רוימיש־קאטאלישע קירכע האט איהם נאטירליך באלד מחרים געווען, אבער ער האט זיך אום דעם וועניג בעקימערט. ער האט געוואהנט מיט זיינעם א רייכען יוגענד־פריינד אין זיד־פראנקרייך, אויף א רייכעס גוט, וואוהין דער פלוך פון דער קירכע, האט איהם ניט געררייכט. אונד זייענדיג צופריעדען מיט זיין אנערקענונג פון דער וואהרהייט, האט ער אין דיעזער צייט אויפגעשריעבען דאס גענאננטע בוך אין לאטייניש, פון וואנען מיר ווע̇לען דא געבען איין אויסצוג פיר דעם אידישען לעזער. אונטער דיא ווערטער **Iudas Iscariotus**, מיינט ער דעם יהודה איש קריות, וועלכער איז געוועזען איינער פון ישו הנוצרי׳ס נבאים אדער אפאסטעלס, אונד וועלכער, לויט דעם נייעם טעסטאמענט, האט ער איהם אויף פערראטהען. דא פאלגט באסקו׳ס שילדערונג:

———OOOOO———

יהודה איש קריות.

עס איז געוועזען א הערליכער פריה־מארגען, וועלכער קען נאר אמבעסטען גרייפען ווערען, ווען מען שטעללט זיך פאר דאס ארום ירושלים זיינען געוועזען פראכטפאלע גארטענס אונד פיעל־קאלירענדע בלומען האבען זיך אבגעשפיגעלט אין דיא גאלדענע שטראהלען פון דער זונן. עס איז געוועזען מיט 34 יאהר איידער דער צווייטער בית־המקדש איז חרוב געווארען, אדער צור צייט ווען פאנטיוס פילאטוס האט איבערגענומען דאס אמט פון גענעראל־גאווערנער איבער פאלעסטינא.

עס איז פאר שבועות. צור צייט ווען אידען מארבע פנות העולם זיינען געקומען נאך ירושלים עולה־רגל זיין. יהודה פון דארף קריות, א יונגער מאן מיט א ווארעמעס הערץ, איז געוועזען איינער פון דיא געסט. מיט איהם איז געקומען זיינע א שוועסטער, וועלכע האט געטראגען דעם נאמען מרים המגדלית. דעם נאמען מגדלית, איז צו איהר געקומען דערפאר, ווייל זיא איז געבוירען געווארען אונטער א מאנדעל־בוים, בשעת דיא מוטער האט בעזוכט דעם פאטער בייא דער פעלד־ארבייט. מרים איז געוועזען א וואונדער־שעהנעס מעדכען, אבער ניט איבריג קלוג. זייענדיג אין ירושלים, האט זיא בעקאנטשאפט געשלאסען מיט א געוויסער פנינה פון בית־לחם. פנינה איז געוועזען אי שעהן, אי קלוג, אונד ווען יהודה האט זיא צום ערשטען מאל ערבליקט אין איהר געזעלשאפט, האט ער זיך אין איהר שטערבליך פערליעבט.

דיא צווייא מיידלעך האבען בעשלאסען ארויס צו געהען שפאציערען גאנץ פריהע, אונד ווען יהודה האט דערפון געהערט, האט ער זייא געבעטען, זייא זאלען איהם מיטנעהמען אלס זייער בעגלייטער. דיא דרייא יונגע מענשען האבען זיך אניעדער געזעטצט אויף דעם גרינעם גראז אונד געפלוידערט מיט אנאנדער. דאן האבען זיך דיא מיידלעך אויפגעהויבען אונד אנגעפאנגען נאכצולויפען זומער־פייגעלעך. זייא האבען געשטיפט אונד געלאכט, אונד געפאלען איינע איבער אנאנדער, וועהרענד יהודה האט געשמייכעלט פון ווייטען.

אויף דעם וועג וואס פיהרט אין שטאדט אריין, האבען זיך פלוצלונג געצייגט דרייא רייטער. אן זייער קליידונג אונד שטאלצע האלטונג, האט מען זאפארט דערקענט רוימישע אפיצערען. איינער, מיט גרויסע עפאלעטען, וואס איז געריטען פאראויס, האט אויסגעזעהן דער גרעסטער פון זייא. אלס ער האט ערבליקט דיא מיידלעך, איז ער ארונטערגעשפרונגען פון זיין פערד, דאס געגעבען איינע פון זיינע בעגלייטער האלטען, אונד ער אליין האט זיך דערנעהנטערט צו דיא מיידלעך.

„נום מאָרגען אייך שעהנע קינדער!“ האָט ער אויסגעשריען. דיא מיידלעך זיינען גלייך געבליעבען שטילל אונד אנגעקוקט פערוואונדערט דעם פרעמדען מאַן.

„שרעקט זיך ניט,“ האָט דער פרעמדער געזאָגט אלץ נעהנטער צוקומענדיג. ער האָט אָנגעכאַפּט פנינה׳ן בייא דער טאַליע אונד איהר אבגעפּרעסט א קוש אויף איהרע רויטע ליפּען. אין נעקסטען אויגענבליק אבער, האָט ער געשפּירט א העפטיגען שטויס אין האַלדנאַקען, וועלכער האט איהם שיער אומגעוואָרפען. דער רוימער האָט זיך אומגעווענדעט, ארויס געצויגען זיין שווערט אונד געוואָלט זיין אנגרייפער דורכ־בויערן.

„האַלט דוא שטאָלצער רוימער!“ האָט געדונערט יהודה׳ס שטימע. „האַנדעל ניט וויא קיין פיינלינג; גיב מיר אויך א שווערט, אונד מיר וועלען זעהען ווער עס איז שטאַרקער. גענוג איהר רוימער! איהר האָט אונזער לאַנד אוועק גערויבט, אבער שוינט דיא עהרע פון אונזער פרויען, כלות אונד שוועסטערס!“

דער רוימער האָט זיין שווערט צוריק געצויגען. אין דערזעלבער צייט זיינען צוגעקומען דיא אַנדערע צווייא רייטער, וועלכע האבען אויף א וואונק בעפאַלען יהודה׳ן, איהם אַניעדער געוואָרפען צו דער ערד, אונד געבונדען. דאַן האָבען זייא גענומען פנינה׳ן, אונד טראָטץ איהרע געשרייען, האָבען זייא פערשטאָפּט איהר מויל, ארויף געלעגט אויף א פערד אונד אוועק געריטען מיט איהר.

ווען יהודה׳ס איבערראַשונג אונד אויפרעגונג זיינען געווען פאָראיבער, האָט ער געזעהען זיין שוועסטער מרים אנגעבויגען איבער איהם, וועלכע האָט אנגעווענ־דעט אַלעס מעגליכע איהם צו בעפרייען פון דיא שטריק.

——OOOO——

שמעון פּעטרוס.

טרויעריג, בעזאָרגט אונד ניעדערגעשלאָגען, האט דער ארעמער יהודה מיט זיין שוועסטער מרים צוריק געקעהרט נאָך ירושלים אויף זייער לאָזשיע, אונד באַלד האָט זיך פערברייטעט דיא נאַכריכט איבער גאַנץ ירושלים, וועגען דער גרויסער ניעדערטרעכטינקייט וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען פון דיא רוימער.

אבער ווער איז געווען דער מעדכען־רויבער? דאַרויף האט קיינער ניט געקענט ענטפערן.

„אך ישו!“ האט מרים פלוצלונג אויסגעשריען זעהענדיג אנקומען א יונגען מאַן. „דיין שוועסטער איז פעראונגליקט!“

„ווער? פנינה? וואס איז מיט איהר געשעהען?" האט ישו געפרעגט ערשראָקען.

ישו איז געוועזען פנינה'ס ברודער. זייא זיינען געקומען פון בית-לחם בייזואָהנען דעם הערליכען יום-טוב, אונד זייענדיג אויף איין לאָזשיע, האָבען זייא זיך געקענט.

מרים, מיט טרערען אין דיא אויגען האט אלעס דערצעהלט. יהודה'ס טיעפע וואונדען פון דיא שטריק, האבען געליעפערט דיא איבריגע בעווייזע פון דעם וואָס עס האָט פאסירט.

מיט ישו'ן איז געקומען נאָך א יונגער מאַן, וועלכער איז געוועזען בעקאַנט אלס שמעון אָדער אלס פעטרוס. דאס הייסט, דיא אידען האָבען איהם גערופען שמעון אונד דיא גרעקען אונד רוימער—פעטרוס.

שמעון איז געוועזען א פישער פון פראָפעסיאָן, אונד מען האָט איהם גערעכענט אלס א שטיקעל יחסן, ווייל ער האט געליעפערט יעדען טאָג פרישע פיש אין נאָך ווערנער'ס פאלאסט. שמעון האָט דאָרט געהאט א ברייטע בעקאַנטשאפט, אונד אין א טאָג איז זיין איינפלוס נאָך גרעסער געוואָרען. דיא געשיכטע איז אזוי געוועזען: דער גאָווערנער, פאָנטיוס פילאטוס, האָט געוואָלט אויפשטייגען אויף איין אראַבישעם פערד, ווען דאָס טהיער האט זיך דערשראָקען, אונד האָט אָנגעפאנגען אוועק צו לויפען, נאָכשלעפענדיג דעם גאָווערנער מיט איין פוס אין ארויף-שטיינער. שמעון, וועלכער איז גראדע געוועזען דאמאָלס אין גאָווערנער'ס הויף, איז אונטערגעלאָפען אונד מיט זיין גארטעל-מעסער האט ער אָבגעשניטען דעם ארויף-שטיינער. פילאטוס איז אפילו אביסעל פערוואונדעט געוואָרען, אבער שמעון האט מיט זיין שנעלער ארבייט, געראטעט זיין לעבען.

פון דיעזען מאָמענט אן, האט שמעון געהאט א צוטריט צום גאָווערנער זעלבסט, אונד דורך זיין איינפלוס, האט ער בעפרייעט פיעלע אידען, וואס דיא רוימער האבען אריין געוואָרפען אין געפאנגענשאפט. מיט ישו'ן האט ער זיך געקענט נאָך פון דער צייט, ווען ער איז געוועזען א פישער אין דער גליל-געגענד, אונד אלס ישו איז געקרמען נאָך ירושלים, האָט ער איהם אויפגעזוכט, אונד זייא האבען צוזאמען ארום שפאַצירט.

אלס שמעון האָט געהערט וואָס עס האָט פאסירט, האט ער זעלבסט געמאכט א פאָרשלאָג צו געהען צו פילאטוס'ן אום איהם צו בעטען, ער זאָל בעפרייען זיין פריינד'ס שוועסטער, וועלכע זיינע אָפיציערען האָבען אוועק גערויבט.

„וויא האָט דער עלטסטער פון דיא אָפיציערען אויסגעזעהען!" האָט ער נאָכגעפרעגט, אום צו וויסען וויא אזוי ער זאָל איהם אויסמאָלען פאר פילאטוס'ן.

„חריף, שטארק געבויעט, מיט א גלאט־געראזירטעס געזיכט אונד שנור־בארד, אונד אויף דער רעכטער באק א שווארצען פינטעל,“ האט יהודה געענטפערט.

„האסטו קיין אירטהום?“ האט שמעון איבערגעפרעגט ערשטוינט.

„אזוי האט ער אויסגעזעהען,“ האט מרים צוגעשטימט.

„דאן איז דאס פילאטוס זעלבסט!“ האט שמעון אויסגערופען.

———0000———

ישו׳ס ברענענדע ליעבע.

יהודה, פנינה׳ס געליעבטער אונד ישו איהר ברודער, האבען בעשלאסען אלעס מעגליכע אנצר־ווענדען צו בעפרייען דאס ארעמע מעדכען. זייא האבען זיך געווענדעט צו דיא סנהדרין זעלבסט, אבער אויך דיזע האבען גאר ניט געקענט העלפען. אלס ישו האט געמאכט א פארשלאג דיא סנהדרין זאלען ערהעבען א קלאגע נאך רוים צום קייזער, האבען זיך דיא סנהדרין ענטזאגט. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, וואס דיא סנהדרין האבען געוואוסט, אז ערשטענס וועט דאס גאר ניט העלפען, אונד, צווייטענס, קענען זייא זיך העכסטענס מאכען פילאטוס׳ן פאר א שונא, אונד זייא האבען שוין גענוג גוט געקענט דיא רוימישע באנדיטען, וויא געפעהרליך עס איז זיך מיט זייא צו פערקריעגען.

ישו, ווילד, אויפגערעגט אונד צארענדיג, האט ער דערפאר בעליידיגט דיא סנהדרין, ניט קוקענדיג דארויף וואס זייא האבען איהם ערקלערט דיא אורזאכע, ווארום זייא קענען זיך ניט מישען. ער איז אויך ארום געגאנגען איבער דיא גאסען אונד איבעראל בעקאנט געמאכט פילאטוס׳עס געמיינהייט, אונד בעהויפטעט, אז דיא סנהדרין זיינען ניט בעסער אלס ער, ווען זייא שווייגען איהם. עס האט ווירקליך אויסגעזעהען, אז דעם ארמען ברודער׳ס צארן איז א גערעכטער, אונד פיעלע האבען סימפאטהיזירט מיט איהם, אבוואהל זייא האבען איהם ניט געקענט העלפען.

יהודה דאגעגען, האט דיא זאך פון איין אנדערן שטאנדפונקט בעטראכטעט, אונד געזוכט צו רעטען זיין געליבטע אויף א רוהיגען אופן. ער האט אנפאנגס אנגע־ווענדעט אלעס מעגליכע, דורך פעטרוס׳ן עפעס אויסצרווירקען, אונד אלס דאס איז איהם ניט געלונגען, האט ער געזוכט פנינה׳ן ארויס צו גנב׳ענען פון דעם הארעם וואוהין פילאטוס׳ס האט זיא אריין געזעצט.

וועהרענד יהודה׳ס טהעטיגקייט, האט זיך דערווייל ישו׳ס צארן אביסעל אב־געקיהלט, אונד דיא גאנצע געשיכטע האט איהם ניט מעהר אזוי אינטערעסירט.

דאנעגען אבער האט מרים, יהודה׳ס שוועסטער, צוגעצויגען זיין גרעסטע אויפמערקזאמקייט. בשעת יהודה פלעגט ארום לויפען וויא פעררִיקט זוכענדיג מיטלען צו בעפרייען פנינה׳ן, איז ער געזעסען מיט מרים׳ן אויף דער לאַזשיע, אונד זיך מיט איהר אונטערהאלטען, ביז ער האט זיך אין איהר שטארק פערליעבט, אונד פערגעסען אן אלעמען וואָס עס טהוט זיך ארום איהם.

מרים, וועלכע איז ניט געוועזן איבריג קלוג, האט זיך לייכט געלאָזען פערפיהרען פון ישו׳ן, ביז זיא האָט זיך צו איהם איבערגעגעבען מיט לייב אונד זעעלע. נאָר אזוי וויא ישו איז פריהער געוועזן פערברענט מיט ליעבע צו מרים׳ן איז ער נאכדעם געוואָרען גלייכגילטיג, אונד אין א שעהנעם פריה־מאָרגען, איז ער אין גאנצען אוועק פון ירושלים, איבערלאָזענדיג דיא ארמע מרים בערויבט פון איהר עהרע, אונד זיך מעהר ניט קימערענדיג אום זיין פעראונגליקטע שוועסטער.

דיא שעהנע מרים מאגדאלענא, האט געליעבט איהר פערפיהרער, מיט איהר גאנצעם אונשולדיגעם הערץ, אונד ווען זיא האָט געזעהען, אז ער האָט זיא פערלאָזען, האָט זיא ביטער געוויינט. איהר ברודער יהודה האָט אָנגעפאנגען נאכפאָרשען נאָך דער אורזאכע, אונד זיא האָט איהם דערצעהלט דעם גאנצען אמת.

„נעה!" האָט דער ארמער יונגער מענש געזאָגט זעהר אויפגערעגט. „יעטצט האָב איך פערלאָרען אי מיין געליעבטע, אי מיין שוועסטער. נעה! מיין פאָטער׳ס שוועל דארף מעהר ניט בעטרעטען ווערען פון דיין פוס. נעה, דוא אונגליקליכע!"

אונד מרים איז אוועק.

——OOOO——

יהודה שווערט ראכע.

פיעלע מאָנאטע זיינען פאָראיבער, ביז עס איז יהודה׳ן געלונגען קוים צו ערפאהרען וואס מיט פנינה׳ן האט פאסירט.

דאס ארמע מעדכען איז געוועזן דיא גאנצע צייט אין הארים, אבער פילאַטוס׳עס געזעטצליכע פרוי, איז איבער איהר זעהר אייפערזיכטיג געוואָרען, אונד זיא האָט געזוכט צו צערשטערען דאס שעהנע געזיכט פון פנינה׳ן, וועלכע האט זיא בערויבט פון איהר מאַן׳ס ליעבע. עס איז איהר אבער שווער געוועזן צו צוקומען צו איהר. דיא רוימערין האָט דאן אונטערגעקויפט דעם עניוך (סרים), וועלכער האָט געהיט דעם הארעם, אז דיעזער זאָל בעגיסען פנינה׳ס געזיכט מיט א פליסיגקייט, וואָס זיא וועט איהם געבען. דער עניוך האט זיין ארבייט פינקטליך געמאכט, אונד דיא העלפט

פון פנינה'ס שעהנע געזיכט, איז פערדאָרבען געוואָרען אויף אייביג. פילאטוס, אָב־וואָהל פערדאָרבען פון דער נאַטור, האט ער אָבער דאָך ניט געקענט דאס ארמע פרויענצימער אזוי פון זיך אוועק שיקען. ער האָט איהר דאפיר געגעבען א גרויסע סומע געלד, געלאָזען אויפזוכען יהודה'ן, אונד איהם איבערגעגעבען פנינה'ן. יהודה, וועלכער האָט זיא געליעבט פון טיעפסטען הערצען, איז געוועזן פאָלשטענדיג צופריעדען, וואס ער האָט צוריק געקריעגען פנינה'ן וויא עס איז, אונד זיא איהם געוועזן זעהר דאנקבאר דאפיר, וואָס ער האָט מיט איהר געוואָלט חתונה האבען.

זייא האָבען גערונגען א הויז אין א פאָרשטאדט פון ירושלים, אונד בעשלאָסען דאָרט רוהיג צוצוברענגען זייער לעבען.

עס איז פאָראיבער מעהר אלס א יאָהר, זייט דער צייט וואָס יהודה מיט פנינה'ן האבען געהייראטעט, ווען דיא לעטצטע איז אין א טאָג געגאנגען אין בית־המקדש ברענגען א קרבן. ניט וויט פון היכל, האָט זיא ערבליקט א גרויסע מענגע מענשען. זיא איז צוגעגאנגען זעהען וואָס דאָרט איז, אונד זיא האט ערבליקט א יונגעס פרויענצימער, זעהר ארעם געקליידעט, אונד דיא ארום־שטעהענדע האָבען געשריען: „קדשה! קדשה!“ אונד אויף איהר געוואָרפען מיט שטיינער.

א קדשה אָדער איין אויסגעלאסענעס פרויענצימער, איז אונטער אידען געווען דיא גרעסטע שאנדע אין דער וועלט, אבער פנינה האט אין דער אונגליקליכער ערקענט איהר מאַן'ס שוועסטער, מרים. זיא איז צו איהר צוגעגאנגען אונד ארויסגעשלעפט פון צווישען דיא מענגע מענשען. מען האָט געלאכט, חוזק געמאכט אונד נאָכגעוואָרפען מיט שטיינער, אָבער פנינה האָט זיך אום קיין זאך בעקימערט, אונד שנעל אוועק געפיהרט דיא אונגליקליכע מיט זיך. זייא זיינען אריין אין א הינטערגאסס, וואו פנינה האט ערקלערט מרים'ען, ווער זיא איז. מרים האט איהר פו אנפאנגס ניט דערקענט, דורך דעם פערברענטען געזיכט. דאן האָט פנינה אוועק געפיהרט מרים'ן צו זיך אהיים, אונד איהר אלעס דערצעהלט וואָס עס האָט מיט איהר פאסירט.

„אונד יהודה, מיין ברודער, איז דיין מאן?“ האט דיא אונגליקליכע געפרעגט ערשראָקען אונד געוואָלט ענטלויפען.

„בלייב מרים, ער וועט דיר גאָר ניט טהון, צוליעב מיר, וועט ער דיך ניט פערטרייבען,“ האָט פנינה געענטפערט.

ווען יהודה איז אהיים געקומען פון זיין ארבייט, האָט איהם זיין פרוי אלעס דערצעהלט, אונד געבעטען, ער זאָל רחמנות האָבען מיט דער אונגליקליכער. יהודה האָט געוויינט אונד געשוויגען.

מרים ווָאס איהם נאָך דאן דערצעהלט, אז זיא האט ישו'ן א פאאר מאָל גער פראָפען, אונד אלס זיא האָט איהם געפרעגט וואָס זיא קען טהון, האָט ער גער ענטפערט:

„דוא ביסט יונג אונד שעהן, אונד דאפיר צאהלען מענער געלד"...

זיא האָט איהם געפאָלגט, ווייל זיא האָט קיין אנדערע ברירה ניט געהאט.

„איך שווער בייא גאָט!" האָט יהודה אויסגערופען, „אז איך וועל ניט רוהען ביז איך וועל זיך ניט נוקם זיין אן ישו'ן, פאַר מיין שוועסטער'ס עהרע!"

פנינה האָט דאָס געהערט, אונד זיא האָט געשווידערט. אָבער זיא האָט גער שוויגען.

——OOOO——

ישו אלם פרעדיגער.

ישו הנוצרי אדער דער יונגער מאָן פון בית־לחם, איז געוועזן א מערקווירדיגע פערזאָן. ער האָט ליעב געהאט גוט צו עסען, גוט צו טרינקען, האָבען פערגניגען, אָבער ניט ארבייטען. דיא פלייסיגע טהעטיגקייט וואָס האָט דאמאָלס געהערשט אונטער אידען, האָט איהם זעהר וועניג אָדער גאָר ניט געקימערט.

אָבער אז מען וויל גוט לעבען בענעטהיגט מען דאָך מיטלען, אונד ישו'ס שאַרפ־זיניגער קאָפּ האָט ווירקליך געזוכט אונד געפונען א מיטעל וויא אזוי ער זאָל קענען זיין ציעל ערווייכען. שמעון אָדער פעטרוס, זיין פריינד, האָט אויך פערלאָרען דעם חשק צום כאַפּען פיש, אונד ביידע האָבען בעשלאָסען צו לעבען אויף'ן חשבון פון דער דומער מאסע.

דאמאָלס איז ניט געוועזן קיין נייעס אין פאלעסטינא, ווען א היילינגער מאָן אָדער א האלבער נביא איז ערשיענען אונד געפּרעדיגט מען זאָל תשובה טהון אונד גאָט וועט דערפאַר העלפען, אז מען וועט אויסגעלעזט ווערען פון רוימישען גלות. אונד א היילינגער אָדער א האלבער נביא, האט זעלבסטפערשטענדליך, ניט געקענט אויך ארבייטען פיר זיין לעבען, זאָנדערן דיעזע וואָס האָבען אן איהם געגלויבט, האָבען איהם אויך בעדאַרפט מפרנס זיין.

צו דער זעלבער צייט האָבען אין ירושלים עקזיסטירט א גרויסע מאַססע שוהלען אָדער בתי מדרשים, וואוהין דיא אידען פלעגען זיך פערזאמלען צו לערנען תורה, גאָט בעטען אונד בעשפּרעכען זייער לאגע. ווען איינער האָט געוואָלט אם בעטען

געהערט ווערען פון פאלק, זיינען דיעזע בתי מדרשים געווען דער איינציגער פאסענדער פלאטץ צו אזא צוועק.

ישו הנוצרי איז אין א שבת, מיט שמעון פעטרוס צוזאמען, ערשיענען אין אזא בית המדרש, אונד אלס דער עולם איז פערטיג געווארען מיט דעם געבעט, האט ער זיך אויפגעשטעלט אונד אבגעהאלטען א דרשה. ישו, וויא עס שיינט, האט געקענט אביסעל לערנען, אבער דערצו האט ער בעזעסען זעהר א גוטען כח־הדיבור, אונד דאס האט צוגעצויגען דיא גרויסע אויפמערקזאמקייט פון זיינע צוהערער. דער עולם איז געווען אביסעל איבערראשט פון דעם פרעמדען פרעדיגער אבער מען איז פון איהם צופריעדען געווען. דיא אריענטאלישע מדה פון הכנסת אורחים האט זיך באלד ארויס געוויעזען דערמיט, וואס דער פארשטעהער פון בית המדרש, האט איהם אונד זיין בעגלייטער שמעון, איינגעלאדען צו זיך אהיים צום טיש. נאך מיטאג איז ישו וויעדער ערשיענען אין בית־המדרש אונד וויעדער אמאל אדרעסירט דעם עולם.

עס זיינען פאראיבער איינינע שבתים אונד ישו האט געשפראכען אין עטליכע בתי מדרשים, אונד איבעראל איז מען פון איהם צופריעדען געווען. איבער זיין פערגאנגענהייט האט מען אין ירושלים זעהר ווענינ אדער גאר ניט געוואוסט. איבריגענס האט מען זיך אויך ניט אינטערעסירט צו וויסען.

מען האט איהם איבעראל צוגעטהיילט עהרע אונד אונטערשטיצט מיט אלעם מעגליכע. זיין נאמען האט געוואקסען אונד ער האט נעקריעגען א היבשע צאהל אנהעננער. וואס ער האט געגני געוואלט מיט זיין רעדען, האט מען ניט געקענט וויסען, אבער וואס ער האט געזאגט, איז דאס געווען פערוויקעלט אין א שעהנער שפראכע, אונד ער האט יעדען פעראינטערעסירט.

——OOOO——

ישו'ס פריוואט לעבען.

דער וואס איז בטבע א שווינדלער, קען אבער ניט אימער נארען דאס גאנצע פאלק. עס וועט איהם געלינגען צו נארען איינמאל, צווייא מאל, עטליכע מאל, אונד דערצו א היבשען טהייל פון פאלק, אבער איטליכען נארען אונד מען זאל איהם קיינמאל ניט אויסגעפינען, דאס איז אונמעגליך.

מיר האבען גאנץ גוט בעמערקט וואס פאר א פויגעל ישו איז געווען, אונד וויא אזוי ער האט געהאנדעלט געגען דער אונגליקליכער מרים המגדלית. ער איז געווען א יונגער מאן פולל מיט יוגענד פייער, אונד ער האט זיך זעהר ווענינ [illegible]

קימערט אונז דעם רעזולטאט, כל־זמן דיא געגענווארט האט איהם צופריעדען גע־שטעלט.

פון זיינע איינפאכע דרשות, איז ער איבערגעגאנגען צו דער ראָלע פון א פער־געטערטען אונד הייליגען מאן. מען האט אָנגעהויבען צו איהם צו קומען זיך בענשען אונד פערלאַנגען איין עצה וויא אזוי תשובה צו טהון. אונטער זיינע אָפטע בעזוכערס, זיינען אויך געווען פרויען, אונד ישו האט זיך בענוטצט מיט דיעזער געלעגענהייט זייא ארונטער צו פיהרען פון וועג. אלס מען האט דעריבער ערפאהרען, האט מען איהם איבעראַל פערדאמט. דאָך געפינען זיך נאָך אימער גענוג דומע מענשען, וועלכע האבען ענטוועדער ניט געגלויבט וואָס מען זאָגט אויף איהם, אדער זייא האבען גע־זאָגט, אז מסתמא וויים ער וואָס ער טהוט. זאָ האָבען זיך געבילדעט צווייא קלאַסען, מתנגדים אונד חסידים. דיא מתנגדים האָבען איהם גערודף'ט איבעראַל אונד דיא חסידים האבען אונטערשטיטצט.

דיא קלוגע אונד געבילדעטע, האָבען איהם געהאלטען פאר א שווינדלער. דיא נאַרישע אונד אונוויסענדע, אויסער דעם וואָס זייא האָבען זיך פון איהם ניט דערוויטערט, האבען זייא איהם נאָך פערהייליגט. צו זיין א בעל־מופת אין אָריענט אפילו יעטצט, איז ניט קיין גרויסע זאַך, איבערהויפט דאמאָלס, אין יענע אַלטע צייטען, איז עס געווען א קליינינקייט.

שמעון, ישו'ס בעסטער פריינד אונד רעכטע האנד, איז געווען דער הויפט־פיהרער. צו איהם האָבען זיך נאָך פעראייניגט אנדערע לייטע, וואָס האָבען געוואָלט לייכט לעבען, אונד צוזאמען האָט מען פערברייטעט נאכריכטען פון גרויסע מופתים אונד אויך פערהאָלפען צו געוויסע קונסט־שטיקען, אום דעם עולם צו נארען.

דיא ארבייט איז געגאנגען וויא געשמירט, אונד דאס האט איינגעבראכט רייכע איינקינפטע פאר ישו'ן מיט זיינע העלפער.

——OOOO——

ער פאנגט אן צו שימפפען.

אין א טאָג, האָט מרים דורך א צופאלל, ערפאהרען וואָס פאר א ראָללע איהר פערפיהרער שפיעלט. זיא איז צו איהם געגאנגען, אונד פאללענדיג צו זיינע פיס, האָט זיא איהם דערצעהלט, אז טראָטץ דעם וואָס זיא האָט אזוי פיעל געליטען, ליעבט זיא איהם נאָך אימער.

ישו האט איהר ניט פערשטויסען. עס האָט איהם פיעללייכט ניט געפאסט,

אדער עס האָט איהם גלאָט ניט געאַרט זיא זאָל זיך געפינען אונטער דער מאַסע פּרויען וואָס האָבען זיך געהאַלטען ארום איהם.

דערוויל האָבען דיא קליגערע אידען איהם ניט אויפגעהערט צו רודף'ן. אָבער מען האָט איהם געזעצליך גאָר ניט געקענט טהון. ניעמאַנד האָט זיך נאָך גענען איהם בעקלאָגט פאר איין אנערקענטעס פערברעכען, אונד ער האָט אונגעשטערט בעטריעבען זיינע געשעפטען. ויהי היום, האָט ישו געהאַט א ויכוח מיט איינינע רייכע אידען אונד ניט האבענדיג וואָס גענען זייא אנצרוועגדען, האָט ער אויס־געשריען:

„איהר זייט רויבער, איהר בעראַבעוועט דאָס פאָלק, אונד דאס איז א גרע־סערע עבירה וויא דאָס וואָס איך טהו.“

זיינע אנהענגער, וועלכע זיינען געוועזען מייסטענטהיילס ארעמע מענשען אָדער פון דער ארבייטער קלאַסע, איז דאָס זעהר געפעלען געוואָרען. פון דיעזען טאָג אָן, האָט ישו געפונען א גוטע טהעמא אויף וואָס צו פּרעדיגען. ער האָט געזאָגט, אז דיא רעכטע אונד אמת'ע מענשען, וואָס זיינען אָנגענומען בייא גאָטט, זיינען דיא ארעמע, אונד דיא רייכע וועלען גאָר ניט האָבען אפילו קיין חלק לעולם הבא.

ער האָט געשימפּפט, געשאָלטען אונד בעליידיגט. אַלס מען האָט איהם גע־זאָגט, אז מען וועט איהם פערקלאָגען צום גאָווערנער, האָט ער געענטפערט:

„ער איז ניט בעסער אַלס איהר! ער האָט אוועק גערויבט אונד געשענדעט מיין שוועסטער!“

נאָך דעם, האָט ער געשימפּפט אונד בעליידיגט דיא רייכע אידען צוזאַמען מיט דעם רוימישען גאָווערנער. מען האָט ערפאַהרען פון דער געשיכטע אין פּאַלאַסט, אונד מען האָט ארויס געגעבען א בעפעהל איהם צו כאַפּען. וויא ישו האָט דערפון ערפאַהרען, איז ער אוועק נאָך גליל. דיא גליל געגענד האָט שוין ניט בעלאַנגט אונטער פּילאַטוס'עס הערשאַפט, זאָנדערן דער טעטראַרך הורדוס האָט דאָרט געהעררשט, אונד ישו איז דערפאַר דאָרט פּערבליעבען אונגעשטערט, אונד גאַנץ פלייסיג בע־טריעבען זיין פּראָפעסיאָן פון שווינדלען אונטער דעם מאַנטעל פון הייליגקייט.

עס זיינען פאָראיבער איינינע מאָנאַט, אונד דורך איין אונבעקאַנטער אורזאַכע, האָט ער אין א טאָג ארויס געטריעבען מרים'ן, וועלכע האָט נעבעך געמוזט אוועק צו פוס נאָך ירושלים, ווערדער צו איהר ברודער. זיא האָט דאָרט דערצעהלט וואָס עס האָט מיט איהר פּאַסירט, אונד יהודה, וועלכעס צאָרן איז געוועזען אביסעל בע־רוהיגט, האָט וויעדער געשוואָרען זיך נוקם צו זיין.

אבזהאל פנינה איז געווען ישרים שוועסטער איז זיא אויך שטארק ביין געוועזען אויף ישר'ן, אונד געזאגט, אז ער פערדיענט בעשטראפט צו ווערען.

——0000——

ווירער אין ירושלים.

מיט א בעגלייטונג פון איבער פופציג פערזאנען, האט ישו אנגעפאנגען זיין רייזע ווידער נאך ירושלים. ער האט אויסגעזעהען אונערשראקען אונד זיך ניט געקימערט דארום וואס ער זעטצט זיך דערמיט אויס דער גרעסטער געפאהר.

אויב דאס איז געווען שטאלצער מוטה אדער דומע פרעכהייט, בעווייזט אם בעסטען זיין שפעטערעס לעבען. ניין, עס ניט וואהר, דאס ישו האט אין זיך בעזעסען דיא גרויסע מעלה פון מוטה, ער איז בלויז געווען א גרויסער חצוף, אונד ניט מעהר. דען זא שנעל וויא ער האט זיך געפונען אין דער מינדעסטער געפאהר דורך זיינע איבעראיילטע אונד אונבערעכענטע שריטע, האט ער באלד געציטערט וויא א פיש אין וואסער, אונד געזוכט הונדערט לעכער אום זיך צו בעהאלטען.

דער וועג נאך ירושלים איז געווען בעגלייטעט מיט פיעלע מערקווירדיגע ערלייבניסע. זיינע נבאים האבען פאר איהם געאיילט אין יעדען שטעטעל אונד דערפעלט אונד דערצעהלט, אז א בעל־מופת קומט אהין, אונד אנדערצעהלט טויזענדער וואונדערליכע זאכען. דער עולם איז געווארען נייגיעריג אונד מען האט עמפפאנגען ישו'ן, אויף איין פלאטץ מיט גרויסער עהרע אונד אויף אנאנדערן מיט פערגעטערונג. זיינע אנדערע נבאים, וואס זיינען אימער געגאנגען מיט איהם צוזאמען, האבען דערווייל פארבערייטעט עפעס א קונסט־שטיק, וועלכעס איז נאכהער נאך איבערטריעבען געווארען מיט אונצעהליגע ליעגען.

יעדענפאלס אבער, האט זיין נאמען דערפון געוואקסען, אונד געלד, זאכען אונד שפייז, איז געפלויגען פון אלע זייטען.

אין כפר נחום, וואו זיינע קרובים האבען געוואהנט, האט ער אבער געהאט א מיאוס'ן סוף. דיעזע וואס האבען געקענט וואס פאר א תכשיט ער איז האבען באלד פון איהם ארונטער געריסען דיא מאסקע אונד ניט נאר זייא האבען פון איהם חוזק געמאכט, זאנדערן זייא האבען איהם אויך ארויס געטריעבען פון דארט.

ישו אונד זיינע העלפערס האבען זיך אבער דערפון ניט אבגעשראקען, אונד דערפאר אנקומענדיג אין צווייטען שטעטעל, האט שוין פריהער דארט געווארט זייער א משולח, וועלכער האט זיך אויסגעגעבען פאר א מצורע, אונד וויא ישו איז נאר

אהין אָנגעקומען, האָט ער איהם „געהיילט." אין איין אנדער שטעטעל, איז זיינער א משולח „געשטאָרבען," דאס הייסט, ער האָט זיך געמאכט פאַר טויט, אונד ישו האָט איהם „לעבעדיג" געמאכט. ווידער אין איין אנדערן פּלאטץ האָט זיינער א מענש פאַרבערייטעט לייםענע פויגלען, אין וועלכע מען האָט אריינגעלעגט לעבעדיגע פויגלען אונד ישו האָט דאָס לֵיים צערבראָכען אונד דיא אמת'ע פויגלען זיינען ארויס געפלויגען.

דיא „מופתים" זיינען געוועזען אָהן א צאָהל אונד אָהן איין ערך, אונד איבעראַל, אויסער אין כפר נחום, האָט ער צוריק געלאָזען א גרויסען נאמען, אונד מען האט נאכדערצעהלט מאַסען מיט אנדערע וואונדער, וועלכע ער האָט גאָר ניט געמאכט.

יא, דיא אָריענטאַליסטען האָבען שוין אזא טבע צו איבערטרייבען אויף אַזוי וויים אונד זיך בעדיענען מיט אונגיטצליכע שקרים, וועלכע זייא גלויבען אליין, אז זייא זיינען אמת, אָבוואָהל, ווען זייא זאָלען גוט נאכקלעהרען, וואָלטען זייא געזעהען אז זייא בעטריעגען זיך אליין. אָבער דער אָריענטאַליסט טראַכט ניט, ער חלום'ט.

דער רעש פון דעם בעל־מופת, האָט געגרייכט נאך ירושלים, נאָך איידער ער איז אהין אָנגעקומען. דאָן האָבען נאָך זיינע העלפערס אהין אנגעלאָגט אונד פער־שטאַרקערט דעם בערוף פון דעם וואונדער־מאַן.

אלס ישו איז צוגעקומען צו דיא טויערן פון ירושלים, האָבען איהם טויזענדער מענשען עמפּפאַנגען, אונד געשריען: „ברוך הבא בשם ד׳! הושענא!"

———00000———

ישו אונד יהודה.

ישו האט זיך איינקוואַרטירט ניט וויט פון בית־המקדש, אונד, מיט זיינע בעגלייטער צוזאַמען, פלעגט ער אהין קומען כמעט יעדען טאָג, אונד אבהאַלטען דרשות. זיינע צוהערער האָבען געוואַקסען פון טאָג צו טאָג אונד דערמיט האָט ער אויך געקריעגען א גרויסע פּאָפּולאַריטעט.

דיא רוימישע פּאָליצייא האָט אפילו געוואוסט ווער דער בחור איז, אָבער, אום קיינע אונרוהען צו פערשאַפען, האָט מען איהם ניט געטשעפּעט, ווייל ער האָט געקריעגען א געוואַלטיגע אנהענגערשאַפט.

אין א טאָג האָבען איינינע געבילדעטע אידען מיט איהם געהאט א ויכוח, אונד ווען זייא האָבען איהם געפרעגט מעהרערע שאלות אונד ער האָט זייא ניט געקענט בעענטפערן, האָט ער זייא געשימפּט, וויא זיין אלטע טבע איז געוועזען.

אויף דעם בעפעהל פון דיא כוהנים, האט מען איהם פון דארט ארויס גע־ווארפען, אונד געווארענט, דאס אין פאלל ער וועט נאך אמאל קומען אהין, וועט מען איהם איבערגעבען צו דער רוימישער פאליציייא.

ווען ישו האט דערפון געהערט, האט ער זיך דערשראקען, אונד ער האט מעהר ניט געוואגט צו קומען אין בית־המקדש. ער פלעגט שוין אבהאלטען זיינע דרשות בייא זיך צו הויז, אונד ער האט אויך געהאט פאר וועמען צו רעדען, דען זיינע חסידים האבען זיך יעדעס מאל פערגרעסערט.

אין א טאג איז בייא איהם ערשיענען זיין שוואגער, יהודה איש קריות. ער האט איהם געפרעגט, וואס ער דענקט צו טהון מיט מרים'ן. ישו האט איהם געענטפערט, אז מרים בעקימערט איהם זעהר וועניג. דאס האט אזוי אויפגערעגט דעם ארמען יהודה, אז ער האט ארויסגעצויגען א מעסער אונד געוואלט דורכבויערן דאס הערץ פון זיין שוועסטער'ס שענדער. גראדע אין דיעזען אויגענבליק, האט זיך צווישען זייא געווארפען מרים המגדלית, אונד אויסגעשריען:

„ברודער! טויטע מיך אבער ניט איהם! איך ליעב איהם טראטץ דעם אונרעכט וואס ער האט געגען מיר בעגאנגען!"

„ווארפט ארויס דעם מערדער!" האט ישו געדונערט צו זיינע אנהענגער.

צעהנדלינגער הענד האבען ערגריפען יהודה'ן אונד איהם געוואלט ארויס ווארפען, אבער דער לעטצטער האט געענטפערט:

„לאזט מיך, איך געה אליין. אונד דוא," האט ער געזאגט צו ישו'ן, „געדענק אז איך לעב נאך, אונד כל־זמן איך וועל לעבען, וועל איך ניט רוהען, ביז איך וועל מיך אן דיר ניט נוקם זיין. מיין נקמה וועט זיין ביטערער וויא דער טויט!"

„ווארפט איהם ארויס!" האט ישו ווייטער געדונערט.

דיעזעס מאל האט שוין יהודה ניט געווארט אונד איז ארויס פון דעם צימער צוזאמען מיט זיין אונגליקליכער שוועסטער.

———OOOO———

ישו גרייפט אן אלעמען.

אלס עס זיינען פאריבער א פאאר מאנאט, האט זיך ישו ערבליקט אומרינגט פון פיעלע טויזענדער געטרייע גלויבינע, וועלכע זיינען געוועזן בערייט צו אפפערן זייער לעבען פאר איהם. אונטער דיעזע אנהענגער, זיינען אויך געוועזן פיעלע איינפלוסרייכע

מענשען, און ישו האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איהם בעדיהרען בעדייטעט אויך אָנצוגרייפען אַללע וואָס האָבען אין איהם געגלויבט.

געשטיצט דאַרויף, האָט ער געקריגען מוטה צו שימפּפען, זידלען און בעליידיגען יעדען וואָס האָט פון איהם געהאַלטען. זיין ווערטער־בוך איז געוועזען זייער רייך אין זידלערייא, און ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צוא פלוידערן, האָט ער זיך זעהר ווייניג בעקימערט וואָס ער זאָגט און וועמען ער שילט. ער האָט זיך ניט צופריעדען געשטעלט מיט דיא דרשות אין זיין הויז, זאָנדערן ער פלעגט בעזוכען חתונות און אַנדערע אונטערהעלטע פון זיינע מאַמינים און אויך דאָרט האָט ער געפלוכט.

ויהי היום, איז ער געוועזען אויף אַ חתונה פון זיינעם אַ גבאי. אַלס מען האָט איהם געזאָגט אַז דיא כוהנים זיינען בעאויפטראַגט געוואָרען איהם צו כאַפּען, זאָ שנעל וויא ער וועט קומען אין בית המקדש אַריין, האָט ער אויסגעשריען:

„דיא באַנדע שופטען וועל איך שטרענג בעשטראָפען, און דעם בית־המקדש וועל איך חרוב מאַכען, ווייל ער איז געוואָרען אַ נעסט פון גנבים. דאַן ווען אַללע מיינע שונאים וועלען שוין ניט זיין, וועל איך צוריק אויסבויען אין דריי טאָג אַ בית־המקדש.“

ווען מען האָט איהם געפרעגט, וויא אַזוי דאָס איז מעגליך אַזאַ מעכטיגע געביידע ביז דריי טעג צו עררירכטען, האָט ער געענטפערט:

„איך און גאָט זיינען מיר איינס, און ווען גאָט האָט געקאָנט שאַפען אַ וועלט אין 6 טעג, וועל איך געוויס קענען אויפבויען אַ בית־המקדש אין 3 טעג.“

זאָ שנעל וויא דיזע ווערטער זיינען געקומען צו די אויערען פון דיא אידישע פאָרשטעהר האָבען זיי ערקלערט, אַז ישו איז אַבן־מות. ניט דערפאַר וואָס ער האָט זייא געשאָלטען, זאָנדערן פאַר דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט חרוב מאַכען דעם בית־המקדש און זיך אויסגעבען אַלס אַ שותף צוא גאָטט.

בייא איין אַנדער געלעגענהייט, האָט ער געזאָגט איבער פילאַטוס'ן אַז ער איז אַ רויבער, און מיט זיינע ווערטער וועט ער ווירקען איבער עם קייזער אין רוים, פילאַטוס זאָהל גיך ראַציגט ווערען.

זיין אָפּענעס מויל האָט איהם זעלבסט פעראורטהיילט, און אי דיא אידען, אי דיא רוימער, האָבען איהם אָנגעפאַנגען צו זוכען, אום איהם צו אַרעטירען, און פעראורטהיילען צום טויט אַלס גאָטעס לעסטיגער אונד הויכפערעטהער.

———0000———

ישו בעהאלט זיך.

אין א פריה־מארגען זיינען צוגעפאהרען 6 רוימישע רייטער פאר ישו'ס וואה־ נונג, וועלכע האבען געהאט דעם אויפטראג, איהם צו ארעטירען. שמעון פעטרוס האט ערבליקט דיא רייטער דורך א פענסטער, אונד ער האט אויסגעשריען צו ישו'ן:

„רעטע זיך, ווען דיין לעבען איז בייא דיר טהייער!"

ישו האט קיין צייט פערזאמט, אונד ענטלאפען דורך א הינטער־טהיר. ווען דיא רוימער זיינען אריין אין הויז, האבען זייא מעהר ניט געטראפען דעם, וועלכען זייא האבען געזוכט.

פון דיעזען מאמענט אן, האט ישו אויסגעמיעדען ירושלים. אבער אנשטאט ער זאל ענטלויפען צוריק נאך גליל, האט איהם א געהיימניספאלע קראפט צוריק געהאלטען ארום דער אידישער הויפט־שטאדט. עס איז דיעזעלבע קראפט וואס טרייבט דעם מערדער צום פלאץ וואו ער האט זיין שרעקליכע טהאט בעגאנגען, אונד עס איז איהם אונמעגליך פון דארט אבצורייסען, ביז ער פאלט אריין אין דיא הענד פון דיא דיענער דער גערעכטיגקייט.

א היבשע צאהל פון זיינע אנהענגער, זיינען ארויס געקומען איהם בעזוכען נעבען ירושלים. אבער ישו איז געווארענט געווארען ער זאל זיך היטען, וויל דיא רוימער האבען איהם געזוכט. יעדע נאכט האט ער געשלאפען אויף איין אנדערן פלאטץ. איינמאל האט ער גענעכטיגט אין א וויין־גארטען, אנאנדער מאל אין א פעלד, אונד ווען מען האט איהם שטארק פערפאלגט, איז ער געלאפען אין דיא וועלדער. עס זיינען פאראיבער איינינע וואכען, אונד ישו האט אזוי ארום געוואנ־ דערט, אהנע ער זאל וואגען אריין צו קומען אין שטאדט אריין, אונד אהנע ער זאל אוועק געהען.

דערוויל זיינען זיינע נאכפאלגער גרעסער געווארען אין דער צאהל, אונד ישו האט זיך אנגעהויבען צו שפירען זיכערער אלס פריהער. ער האט זיך געזעהען אומ־ רינגט פון פיעלע הונדערטער יונגע אונד שטארקע מענשען, אונד ער האט זיך ניי־ קענט פערלאזען אויף זייא אין א צייט פון נויטה, וויל ער האט גוט געוואוסט, אז פיעלע זיינען בערייט זיך צו אפפערן פאר איהם.

זייענדיג אביסעל זיכערער וויא פריהער, האט ער ווידער אנגעפאנגען צו פרע־ דיגען, אדער, בעסער געזאגט, שימפפען אונד בעליידיגען זיינע שונאים.

דאן האט ער אנגעהויבען צו שפיעלען נאר א פרישע ראלע. ער האט דער־

צעהלט זיינע דומע נאכפאָלגער, אז ער איז דער משיח אונד גואל ישראל, אָבער קיינער וועט ניט געהאָלפען ווערען, וואָס וועט איהם ניט גלויבען. אין דערזעלבער צייט האָט ער בעהויפטעט, אז ער איז גרעסער אַלס משה מיט אלע נביאים צוזאמען גענומען, אונד אַלעס וואָס עס שטעהט אין דער תורה האָט זעהר וועניג ווערטה, כל־זמן ער איז מתיר דעם גרעסטען איסור.

זיינע לעטצטע בעהויפטונגען, האָבען געגרייכט צו דיא אויערן פון דיא זקנים אונד כוהנים אין ירושלים, אונד זייא, צוזאמען מיט דיא רוימער האָבען בעשלאָסען איין ענדע צו מאכען פון דעם חצוף, אונד איהם כאפען אונטער אירגענד א בעדינגונג.

—0000—

יהודה'ס נקמה.

אום אָבער זיכער צו זיין פאַר א פלעטצליכען איבערפאַל, איז ישו געפאללען אויף איין אנדערן פלאַן. ער אונד עטליכע צעהנדליג פון זיינע אנהענגער, האָבען זיך פערקליידעט אין עהנליכע מלבושים, מיט דער אבזיכט, אז דיא רוימער אָדער דיא כוהנים, זאָלען איהם ניט דערקענען. ער האָט אויך גאַנץ גוט געוואוסט, אז וועט צוליעב איהם אליין ניט וועלען מאכען קיין גרויסען אויפרוהר אום א גרויסע מאסע צו ארעטירען.

דיא רוימישע פאָליצייא האָט געפראָבירט אונטערקויפען איינינע פון זיינע אנהענגער, זייא זאָלען אנצייגען וואו ער נעכטיגט אונד אונטער דיא שלאָפע וועלכער איז ישו, כדי מען זאָל איהם כאפען אהן רעש. אָבער דיא פאנאַטיקער זיינ געוועזן אזוי טרייא אונד איבערגעגעבען, אז זייא האָבען איהם ניט געוואָלט פעררַאטהען.

יהודה איש קריות האָט געהערט וואָס עס געהט פאָר, אונד ער האָט זיך געטראַכט, אז דיא צייט איז געקומען, ער זאָל זיך נוקם זיין. ער איז אוועק צו דער פאָליצייא, זייא געזאָגט, אז ער וועט זיך אנשליעסען צו ישו'ס באַנדע, אונד ער וועט איהם דאַן אָהן רעש איבערגעבען אין זייערע הענד. זייא האָבען זיין פאָרשלאַג אָנגענומען מיט פערגעניגען, אונד איהם נאָך פערשפּראָכען צו בעצאהלען דרייסיג זילבער פאַר זיין מיה.

יהודה האָט ערפאהרען וואו ישו געפינט זיך מיט זיין באַנדע, אונד נאָך איינינע טעג זוכען, האָט ער איהם געפונען. עס האָט איהם אפילו גענומען אביסעל

ארבייט ביז ער זאהל איהם דערקענען אינטער די גלייך־פערקליידעטע, אבער די פיגור און דאס געזיכט פון זיין שוועסטער׳ס פערפיהרער, זיינען איהם געוועזען גוט־בעקאנט, און נאכדעם וויא ער האט אייניגע מינוטען געבליקט אונטער דיא פאנאטיגער, האט ער דערקענט זייער אנפיהרער. ער איז גלייך צו איהם צוגעגאנגען.

„וועמען זוכסטו דא?״ האט ישו געפרעגט מיט א פערדעכטיגען בליק.

„איך בין געקומען דיך זעהן און דיך בעטען אום פערצייהונג,״ האט יהודה געענטפערט מיט א נידעריגער שטימע.

ישו האט איהם דורכגעדרונגען מיט זיין בליק, גראדע וויא ער האט געוואלט ערגריגדען מיט זיינע אויגען וואס עס ליעגט אין יהודה׳ס טיפער זעעלע.

„פערצייהע מיר ישו,״ האט יהודה ווייטער געזאגט. „איך האב מיך איבערציינט, אז דוא ביסט א געטטליכער מאן, און איך וויל ניט אז דוא זאלסט זיין מיין שונא. דערפאר וואס איך האב דיך בעליידיגט אין מיין אונבעזאנענהייט. בעט איך דיך, דוא זאלסט מיך ערלויבען איך זאל בלייבען נעבען דיר, און וואשען דיינע פיס.״

ישו האט אויף איהם ווייטער געקוקט און געשוויגען.

„ווען ניט צוא ליעב מיר,״ האט יהודה זיך געבעטען, דאן טהו עס צוליעב דיין שוועסטער פנינה, וועלכער׳ס מאן איך בין.״

ישו איז ערשטוינט געווארען פון די לעצטע ווערטער, ער האט געוואוסט, אז פנינה געפינט זיך אין פילאטוס׳עס הארעם, אבער ער האט נאך ניט געהאט ערפאהרען, אז זיא איז שוין פון דארט ארויס און יהודה האט מיט איהר חתונה געהאט. יהודה׳ס ערקלערונג האט איהם פעראינטרעסירט, און ער האט איהם געבעטען, ער זאל איהם דערצעהלען, וויא אזוי עס איז איהם געלונגען צוא בעפרייען פנינה׳ן. יהודה האט איהם ערציילט דיא ריינע ווארהייט.

דיא טהאטזאכע, דאס אבוואהל פנינה האט פערלאהרען איהר שעהנהייט און ער האט מיט איהר געהייראטה, איז איהם זייער געפעללען געווארען און ער איז שוין מעהר ניט געוועזען אזוי פערדעכטיג איבער זיין אונפערהאפטען בעזוכער.

יהודה איז פון דיעזער צייט אן פערבליבען אין ישו׳ס לאגער.

——0000——

דער פערראטה.

יהודה איש קריות האט בעשלאסען זיין פלאן דורכצופיהען פינקטליך אונד גענוי. ער האט געזעהן אנווענדען פריהער אלעס מעגליכע, ער זאהל מעהר ניט אויף

פערדעכטיג זיין אין ישו'ס אויגען און קריעגען זיין פערטרויען. דיעזער פלאַן איז איהם ניט אַזוי לייכט געלונגען, אָבער ער האָט איהם דאָך דורכגעפיהרט, מיט איינעם וואָרט, יהודה האָט עס געבראַכט אַזוי וויט. ביז ער איז געוואָרען איינער פון ישו'ס לייב מענשען. און ער פּ ענגט טהייל נעמען ביי דער בעראַטהונג וואוהין מען זאָהל געהן און וואו מען זאָהל צו ברייגגען דיא נעקסטע צייט.

איינמאָהל האָט מען בעשלאָסען צו נעכטיגען אין בית־צידה אין אַגאָרטען דאָס האָט בעדאַרפט שטאַטפינדען אויפ'ן צווייטען אָוועגד. יהודה האָט דאָ גיזעהן, אַז זיין נקמה קען דורכגעפיהרט ווערען. ער האָט זיך געמעלדעט צו ישו'ן און איהם ערקלערט, אַז נאָכדעם ער איז שוין אַזוי לאַנג ניט געווען אין ירושלים, ווייס פנינה אַוואַדי ניט וואָס איבערצוטראַכטען. און ער מוז אַוועק אויף אַקורצע צייט אַהיים, אום צוא דערצעהלען פנינה'ן און מרים'ן, אַז ער לעבט.

ישוע איז ניט געווען דאַגעגן, אָבער יהודה האָט זיך פאַר פנינה'ן מיט זיין שוועסטער, גאָר ניט געציינט, זאָנדערן ער איז גלייך אַוועק צו דער רוימישער פאָליציייא, און זיי געזאָגט, אַז אויפ'ן צווייטען אַוועגד זאָהלען זיי זיין אין גארטען פון בית־צידה, צוא אַ בעשטימטע שטונדע, און ער וועט איבערגעבען אין זייערע הענד ישו'ן, אהן אויפרעגונג. יהודה האט דאַן דאסזעלבע מיטגעטהיילט די כוהנים, און איז אוועק צוריק אין ישו'ס לאגער, וועלכען ער האט געפונען גאנץ רוהיג.

יהודה האט זיך געפרייט וואס דער פלאַן איז איהם ביז אהין געלונקען. ער האט דאן אונגעדולדיג אבגעווארט דעם אנדערען אווענד, ווען זיין פלאַן זאהל פאלשטענדיג אין ערפיללונג קומען.

ישו מיט זיינע נאכפאלגער זיינען פינקטליך אנגעקומען אין גארטען פון בית־צידה, וויא עס איז פריהער בעשטימט געווארען. מען האט גערעדט איבער פערשיעדענעם ביז עס איז שפעט געווארען, און דאן איז מען געגאנגען שלאפען אויפ'ן גראז און אונטער דיא בוימער. מען האט אויך געשטעלט א וואך פון 3 מענשען אויפצופאסען געגען איין איבערראשונג, און יהודה האט זיך אליין אנגעבאטען צוא זיין איינער פון דער וואך.

דיא רוימער און דיא דינער פון דיא כוהנים, האבען שוין געווארט. יהודה האט זייא נאר געדארפט מאכען א צייכען, און זייא זיינען זאפארט ערשיענען, אבער פארזיכטיג געגוג, אום זייא זאלען ניט אויפוועקען דיא שלאפענדע.

ישו איז געלעגען אונטער אבוים, צווישען פיעלע אנדערע, אין דיא־זעלבע מלבושים, און איז געשלאפען. יהודה האט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, און

ער האט איהם גלייך אנגעציינט. אין נעקסטען אויגענבליק, האבען איהם דיא רוימע־ געפאקט אונד ארום גערינגעלט.

שמעון פעטרוס, זיין געטרייער פריינד, האט ערוואכט, אונד זעהענדיג אזא אויפרוהר, האט ער ארויס געצויגען זיין שווערט אונד אבגעהאקט דעם אויער פון א דיענער פון דיא כוהנים.

דיא רוימער אונד דיא אנדערע בעגלייטער, האבען אבער שנעלל, אום קיין צייט ניט צו פערזאמען, ישו'ן אוועק געפיהרט, אונד צוריק געלאזען זיינע חסידים האלב וואך, האלב שלאפענדיג אין גארטען. ווען אלע האבען זיך גוט ארום געזעהען, איז שוין געוועזן נאך אלעמען. זייא האבען שוין ניט געהאט מיט וועמען צו קעמפפען, אונד וועמען צו בעשיטצען.

——OOOO——

דער משפט אונד פעראורטהיילונג.

ישו איז פארגעפיהרט געווארען נאך אין דעמזעלבען אבענד פאר דער קלע־גערער אבטהיילונג פון דיא סנהדרין, וואו איין ארט פערהער איז געפרעגט געווארען. עס האט זיך ארויס געוויעזען גאנץ דייטליך, דאס ישו האט בעגאנגען א פערברעכען געגען דיא רעליגיעזע געזעטצע פון דיא אידען, אונד ער האט אויך בעהויפטעט איבער זיך זאוואס, פאר וועלכען מען האט בייא אידען בעשטראפט מיט טויט. ער איז דערפאר פעסטגעהאלטען געווארען ביז צום פראצעס.

אויף'ן אנדערן טאג, האט מען איהם פארגעפיהרט פאר דער סנהדרין גדולה, אונד נאך א פראצעס ,ײַם האט געדויערט מעהרערע שטונדען, איז ער געפונען געווארען פאר שולדיג, אונד מען האט איהם פעראורטהיילט צום טויט.

צו יענער צייט אבער, האבען דיא אידען ניט געקענט אליין דורכפיהרען קיין טויטעס שטראפע, ווייל דאס האט שוין געהערט צום רוימישען גאווערנער. דיא פערהאנדלונגען פון פראצעס צוזאמען מיט דעם געפאנגענעם, זיינען אלזא איבער־געשיקט געווארען צו פילאטוס'ן.

פילאטוס'ס האט שוין א סך מאל געהערט פון ישו'ן, אונד ער האט נאך גע־וואוסט, אז דיעזער איז פנינה'ס ברודער. דיא אנגריפע אונד בעליידיגונגען פון ישו'ן, האבען אזוי אויפגערעגט דעם שטאלצען רוימער, דאס ער האט זאפארט בעשטע־טיגט דעם טויטעס־אורטהייל, אונד בעשטימט, אז דיעזער זאל שטאטפינדען דורך קרייציגונג. לויט וויא דער מנהג איז דאמאלס געוועזן אונטער דיא בלוט־דורסטיגע וועלט־הערשער.

„אבער איידער ער ווערט נעפיהרט צו זיין טויט," האט פילאטוס בעמערקט „ויל איך נאך זעהען דעם פערברעכער נעגען זיין פאלק אונד נעגען זיין קייזער פון רוים, אביסעל געפייניגט. לויט וויא איך פערשטעה, האט ער אויך בעהויפטעט צו זיין א נאנצער מאכער, איין ארט אידישער קעניג, אונד איך בעפעהל דערפאר, מען זאל איהר קרוינען אונד מכבד זיין מיט אזא פארצע קלעפ, אז ער זאל פיהלען דעם טעם וויא א פעררעטהער דארף שפירען. דיא קרוין זאל אויסגעפלאכטען ווערען פון דערנער!"

פילאטוס, גלייך מיט מייסטענטהיילס פון זיין פאלק, האט שטארק הנאה געהאט צו זעהען, א מענשען מארטערן. ער האט אלזא איינגעלאדען זיינע בעסטע פריינדע בייצרוואהנען דיא סצענע, וויא אזוי ישו וועט געמארטערט ווערען.

נעבען דעם גאווערנער'ס פאלאסט, האט מען ישו'ן אויסגעצויגען נאקעט, אונד נאר צונעדעקט זיין פארדער־לייב. אויף'ן קאפ האט מען איהם געזעטצט א קרוין פון דערנער, אונד דיא שארפע שפיטצען האבען איינגעשניטען זיין קאפ, זא דאס בלוט האבען אריבער געררונען פון זיין געזיכט. צווייא סאלדאטען האבען איהם דאן געשמיסען מיט ריטער, אונד בשעת ישו האט יעמערליך נעשריען, האבען דיא באר־בארישע רוימער געלאכט אונד זיך געפרייט.

וועהרענד דיעזען גרויזאמען אונטערהאלט אבער, האט א דיענער געמעלדעט דעם גאווערנער, אז א פערהיעלעטע פרוי וויל איהם זעהען, אונד לויט וויא זיא בע־בעהויפטעט, איז דאס זעהר נויטהווענדיג. פילאטוס האט זיך אבער ניט געוואלט שטערען זיין פערגעניגען, אונד געהייסען ווארטען. אלס ישוע איז שוין געפאללען אין אהנמעכטיג, האט ער געהייסען מען זאל איהם צורוה לאזען, ווייל ער האט געוואלט האבען א געזונדען קאנדידאט צו דער תליה. פילאטוס איז דאן אריין אין זיין זאלאן זעהען ווער עס בעדארף איהם.

———OOOO———

דער בעפעהל צום תליון.

אנשטאט איין פרוי, האט פילאטוס פאר זיך ערבליקט צווייא. איינע פון זייא האט ארונטער גענומען איהר דעקע פון געזיכט, אונד פילאטוס האט פאר זיך ער־בליקט דיא אונגליקליכע פנינה, מיט דעם האלב־פערברענטען געזיכט.

„העלף מיר, גנעדיגער הערר!" האט דיא ארמע פנינה געשריען. „בעפרייע מיין אונגליקליכען ברודער!"

ביֵיא דיעזע ווערטער האט אויך דיא צווייטע אבגעדערקט איהר געזיכט. דיעזע איז געווען מרים המגדלית. מיט א ריהרענדע שטימע, האט זיא געבעטען פאר איהר געליעבטען.

„הערר!“ האט פנינה געזאגט אונטערגעבען אבער ענטשלאָסען. „אין נאמען פון מיין אונשולד אונד אין נאמען פון מיין שעהנהייט, וועלכע איך האב פערלאָרען צו ליעב דיר, בעט איך דיך, רעטע מיין אונגליקליכען ברודער!“

„צו שפעט!“ האט פילאטוס געענטפערט, „צו שפעט, דער אורטהייל איז שוין אונטערשריעבען, אונד ער מוז שטארבען!“

ביידע פרויען האבען יעמערליך געוויינט. פילאטוס איז געשטאנען איינע אויגענבליק אונד נאכגעדענקט, דאן האט ער פלוצלונג געזאגט:

„געדולד, איך קען ניט לײדען דיא טרערען. געהט אהיים אונד קומט צו מיר מארגען, ווער איך אייך זאגען אויב איך קען איהם רעטען.“

דיא פרויען האבען געקושט זיינע הענד, אונד זיינען אוועק. פילאטוס האט גלייך געשיקט רופען דעם אבער־תליון, אונד מיט איהם געהאט א לאנגע אונטער־רעדונג. נאכדעם האט ער געזאגט: „אלזא, דאס איז מיין וואונש, ניין, מיין בעפעהל, אונד איך וויל ער זאל ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען!“

„איך פערשטעה,“ האט דער תליון געענטפערט, „אונד איך וועל טהון וויא איהר הייסט מיר“ — ער איז דאן אוועק געגאנגען. ווען פנינה איז געקומען אויף׳ן צווייטען טאג אונד געשפראכען מיט פילאטוס׳ן, איז זיא אוועק געגאנגען צופריעדען. עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט איהר געגעבען גוטע האפנונגען.

ישו איז ריכטיג געקרייציגט געוואָרען לויט נאך דעם געגעבענעם אורטהייל. אבער אנשטאט מען זאל איהם נאכהער דורכשטעכען זיין קערפער, האט מען איהם ארונטער גענומען פריהער, וועהרענד ער איז געבליעבען אהנמעכטיג. אבער ישו איז ניט געווען טויט, נאך מעהר, מען האט איהם נאכהער דערמינטערט, אונד ער האט ערשט אנגעפאנגען צו שפיעלען א גרויסע ראָלע.

דערמיט ווערט אלזא ערקלערט דיא וואהרע אורזאכע, וויא אזוי דיא חסידים האבען איהם געזעהען נאך דער קרייציגונג. עס איז פאזיטיוו, אז דער שווינדלער האט אויסגענוצט דיעזע געלעגענהייט, ערשט צו פערפיהרען דיא וועלט. אונד דאס אלעס האט ער געהאט צו פערדאנקען זיין שוועסטער פנינה, דער אונגליקליכער מרים, אונד פילאטוס׳ן, וועלכער האט בעאויפטראגט דעם תליון, איהם ארונטער צו נעהמען פון קרייץ, בשעת ער האט נאך געלעבט.